STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03080

DER BIRGERKRIG IN FRANKRAYKH

Karl Marx

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-03080-5

97806570308003T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

קארל מארקס

דער
בירגערקריג אין פראנקרייך

מיט א הקדמה
פון
פרידריך ענגעלס

פארלאג „פועלי ציון"
בערלין 1922

אידיש פון י. ל. בערמאן.
דער טיטעלבלאט איז געצייכענט פון מנחם בירנבוים.

הקדמה.

די אויפפאדערונג אויף ס'ניי ארויסצוגעבען דעם אדרעס פונ'ם אינטערנאציאנאלען גענעראל־ראט וועגען דעם „בירגער־קריג" אין פראנקרייך און דערצו נאך שרייבען א הקדמה איז צו מיר געקומען פלוצלונג. און לכן קען איך דא נאר קורץ ארומרעדען די עיקר'דיגע פונקטען.

די פארויסזעצונג פאר דער אויבערשטער גרעסערער ארבעט זיינען ביי מיר די ביידע אדרעסען פונם גענעראל־ראט וועגען דער דייטש־פראנצויזישער מלחמה. ראשית איז דאס דערפאר, ווייל אין בירגער־קריג אליין ווערט אנגעוויזען אויף דעם צווייטען אדרעס וועלכען מען קען ניט אינגאנצען פארשטעהן אהן דעם ערשטען. והשנית, — ווייל די דאזיגע ביידע אדרעסען, וואס מארקס איז זייער מחבר, זיינען לא פחות פונם „בירגער־קריג" דער גלענצענדיגער באווייז פאר מארקס טאלענט, וואס ער האט שוין דערוויזען אין דער „18. ברומער פון לואי באנאפארט", קלאר תופס צו זיין דעם כאראקטער, כח און די לאגישע פועל־יוצאס פון גרויסע געשיכטליכע געשעהענישען, אין דער איינענער צייט בעת די דאזיגע געשעהענישען אנטוויקלען זיך, אדער זיי האבען זיך אקע־שט פארקאנטשעט. און לבסוף — ווייל היינט קומט נאך אונז אויס אין דייטשלאנד צו ליידען פון די פועל־יוצא'ס פון געשעהענישען, אויף וועלכע מארקס האט אנגעוויזען.

איז טאקע ניט מקוים געווארען, וואס עס האט געזאגט דער ערשטער אדרעס, אז ווען דייטשלאנד'ס פארטיידיגונגס־מלחמה גענען לואי באנאפארט וועט מגולגל ווערען אין א פארכאפונג־מלחמה גענען דעם פראנצויזישען פאלק, וועלען ווידער אנקומען די אלטע צרות וואס דייטשלאנד האט געהאט נאך די אזוי גערופענע באפרייאונג־מלחמות? האבען מיר ווייטער ניט געהאט 20 יאהר ביסמארק'ס ממשלה, מיט אויסערארדענטליכע געזעצען און סאציאליסטען־רדיפות אנשטאט דעמאגאגען־רדיפות, מיט פאליציי הפקירות, מיט פינקט די זעלביגע פרושים אויף די געזעצען, פון וועלכע די האר פלעגען זיך שטעלען קאפויר?

איז ניט מקוים געווארען אות באות, ווי עס האט פאראויסגעזאגט מארקס, אז די אנעקס'ע פון עלזאס־לאטרינגען וועט „שטויסען פראנקרייך אין רוסלאנדס ארימס", און אז נאך דער דאזיגער אנעקס'ע וועט דייטשלאנד ווערען אדער אן אפענער קנעכט פון רוסלאנד. אדער עס וועט זיך מוזען גרייטען נאך א קורצען אפרוה צו א נייער מלחמה, צו א ראסען־קריג גענען די סלאווען און ראמאנען, וואס האבען געשלאסען א בונד? האט די אנעקס'ע פון די פראנצויזישע פראווינצען ניט געטריבען פראנקרייך אין רוסלאנדס ארימס? האט זיך ביסמארק ניט געסטארעט לחינם 20 יאהר נאכאנאנד נושא חן זיין ביים צאר, און זיין הכנעה איז געווען נאך נידעריגער פאר יענער, וועלכע די קליינע פרייסען. איידער זי איז געווארען „די ערשטע גרויסע מלוכה פון אייראפע", פלעגט

לעגען צו די פיס פונ'ם הייליגען רוסלאנד? און אפשר העננט ניט טאג איין טאג אויס איבער אונזערע קעפ דער דאמאקלוס־שווערד פון א מלחמה? אין דעם ערשטען טאג פון דער מלחמה וועלען אלע פירשטליכע־בונדען, וועלכע זיינען גע'חתמ'עט און פארזיגעלט, צופאלען ווי א קאָרטען־שטיבעל. און שטעהען מיר ניט פאר א מלחמה, אין וועלכער עס איז נאר איין זאך קלאר — די אומקלארקייט פונ'ם סוף. א מלחמה, אין וועלכער איירָאָפּע וועט חרוב ווערען אונטער פונפצעהן אָדער צוואנציג מיליאן סאלדאטען, א מלחמה וואס איז נאך איצט ניט אויסגעבראכען, נאר א דאנק דעם וואס א פחד פאלט ארויף אפילו אויף דער שטארקסטער מיליטערישער מלוכה אין איירָאָפּע, מחמת זי ווייס ניט וואָס וועט זיין דער סוף פון אזא מלחמה?

און א פשיטא איז א חוב צו געבען די דייטשע ארבעטער די מעגליכקייט באטראכטען די דאזיגע האלב פארגעסענע אויסטערלישע דאָקימענטען איבער די פערספעקטיווען פון אינטערנאציאנאלער ארבעטער־פּאָליטיק פין 1870.

וואס עס איז געזאגט וועגען דיביידע אדרעסען איז אויך חל אויף דעם גרויסען אדרעס וועגען דעם „בירגער־קריג אין פראנקרייך". דעם 28. מאי האט דער שטארקערער שונא דערשאָסען די לעצטע קאָמונע־קעמפער אין בעלוויל, און מיט צוויי טעג שפעטער, דעם 30. האט מארקס געלייענט פאר דעם גענעראלראט די ארבעט, וואו ער באשרייבט אין קורצע שטארקע, אבער שארפע און קודם כל אמת'ע שטריכען דעם באטייט פון דער פאריזער קאָמונע. עס איז אסך געשריבען געוואָרען וועגען דעם, אבער אזא ארבעט האָט מען ניט געזעהן און מען וועט ניט זעהן.

די עקאנאמישע און פּאָליטישע אנטוויקלונג פון פראנקרייך זינט 1879 האבען געבראכט פאריז צו אזא לאגע, אז דארטען האָט ניט געקענט אויסברעכען קיין איין רעוואלוציע, וואס זאָל ניט אננעהמען א פּראָלעטארישען כאראקטער. דער פּראָלעטאריאט, וואס צאהלט פאר דעם נצחון מיט זיין בלוט טרעט ארויס תמיד נאָך דעם נצחון מיט זיינע פאדערונגען. די דאזיגע פאָדערונגען זיינען געווען ניט אינגאנצען קלאר און אפטמאל גאנץ פארפלאָנטערט; דאס איז געווען אפהענגיג פון דער מדרגה פון אנטוויקלונג, אויף וועלכער עס איז געשטאנען דער פאריזער ארבעטער; אָבער דער סך הכל פון די פאָדערונגען איז געווען די פארניכטונג פון די קלאסען־געגענזאצען צווישען קאפיטאליסטען און ארבעטער. ווי אזוי דאס זאָל געשעהן האָט מען, פארשטעהט זיך, ניט געוואוסט. אָבער די פאָדערונג אליין, ווי אומבאשטימט זי איז ניט געווען, איז געווען א סכנה פאר דער היינטיגער געזעלשאפט־אָרדנונג; די ארבעטער, וואס פלעגען שטעלען די פאָדערונגען, פלעגען האלטען אין האנד די כלי־זין, און דערפאר פלעגט זיין די ערשטע אויפגאבע פאר דער בורזשואזיע, וואס איז געשטאנען ביים רודער, אפנעהמען ביי די ארבעטער זייער געווער. און אזוי פלעגט נאך יעדער רעוואלוציע, וואס איז אויסגעקעמפט דורך דעם ארבעטער, קומען א נייער קאמף, וואס פלעגט זיך קאָנטשען מיט דער מפלה פונ'ם פראָלעטאריאט.

אזוי איז געווען דעם ערשטען מאָל אין יאהר 1848. די ליבעראלע בורזשואזיע פון דער פארלאמענטארישער אָפּאָזיציע פלעגט כסדר מאכען רעפאָרם־באנקעטען כדי דורכצופיהרען די וואהל־רעפאָרם, וואָס האָט געזאָלט זיכערען זייער פארטיי די ממשלה. דער קאמף מיט דער רעגירונג האָט זיי געצווינגען צו ווענדען זיך צום פאָלק, און דאָ האָבען

זיי געדארפט פּאַמעלאַך לאָזען ארויסטרעטען די ראַדיקאַלע און רעפּובליקאַנישע שיכטען פון דער בורזשואַזיע און קליינבירגערטום. אָבער הינטער זיי זיינען געשטאַנען די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, וואָס זיינען זינט 1830 געוואָרען אַסך מעהר פּאָליטיש זעלבשטענדיג, ווי דאס האט געמיינט די בורזשואַזיע און אפילו די רעפּובליקאנער. בעת עס איז געקומען די רגע פון קריזיס צווישען דער רעגירונג און דער אָפּאָזיציע, האָבען די אַרבעטער אנגעהויבען דעם קאַמף אויף די גאַסען; לואי פיליפּ איז נעלם געוואָרען און מיט איהם אויך די וואַהל־רעפאָרם; אויף זיין אָרט איז אויפגעשטאַנען די רעפּובליק, און זיגער, דער אַרבעטער, האט איהר אנגערופען די „סאָציאַלע" רעפּובליק. וואס דאַרף מען פארשטעהן אונטער דער דאָזיגער סאָציאלער רעפּובליק איז פאר קיינעם, אפילו פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס, ניט געווען קלאר. אָבער אין זיין האַנד איז געווען די כלי־זין, און ער איז געווען אַ מאַכט אין דער מלוכה. און אַז די בורזשואַ־רעפּובליקאנער, וואס זיינען געשטאַנען ביים רודער, האבען זיך דערפילט תקיף'דיגער, איז זייער ערשטער ציל געווען צו אַנטוואפענען דעם פּראָלעטאַריאַט. און דאָס איז געשעהן. מען האָט אויסגעלאַכט דעם פּראָלעטאַריאַט, מען האָט ניט געהאַלטען וואָרט און געפּרובט אַוועקשיקען די אַרבעטסלאָזע אין אַ וויטער פּראָווינץ — דערמיט האָט די בורזשואַזיע דערפיהרט דעם אַרבעטער־קלאַס צו דעם אויפשטאַנד פון יוני 1848. און דאָ האָט זיך אנגעהויבען א שחיטה פון ניטבאַוואָפענט געפאַנגענע, אַזאַ שחיטה האָט מען ניט געזעהן זינט די צייטען פון די בירגער־קריגען, וועלכע האָבען מיט זיך אנגעהויבען פון די מפּלה פון דער רוימישער רעפּובליק. דאָ האָט די בורזשואַזיע צום ערשטען מאָל דערוויזען ווי משוגה'דיג גרויזאַם איז איהר נקמה, קוים דער פּראָלעטאַריאט דערוועקט זיך אַרויסצוטרעטען אנטקעגען איהר אלס א באַזונדער קלאַס מיט אייגענע פאָדערונגען און אינטערעסען. און פינגעסטווענען איז 1847 געווען אַ קינדער־שפּיל לגבי 1871.

די שטראָף איז תיכף געקומען. אויב דער פּראלעטאריאט האָט ניט געקענט איינשטעלען זיין ממשלה אין פראַנקרייך, האָט דאס די בורזשואַזיע אויך ניט דערוויזען. לכל הפּחות דעמאָלט ניט, און איהר רוב מנין און בנין איז געווען מאָנאַרכיסטיש און צוטיילט אין דריי דינאַסטישע פאַרטייען און איינע אַ פערטע — א רעפּובליקאנישע. זייערע אינווענינגסטע דייסערייען האָבען געגעבען דעם אַוואַנטוריסט לואי באָנאָפּאַרט די מעגליכקייט צו פאַרכאַפּען אַלע מאַכט־פּאָזיציעס — די אַרמעע, פּאָליציי און פארוואלטונג־אַפּאַראט — און דעם 2. דעצעמבער 1851 חרוב צו מאכען די לעצטע פעסטונג פון דער בורזשואַזיע — די נאציאָנאל־פאַרזאמלונג. עס האָט זיך אנגעהויבען די צווייטע קיסר־מלוכה. פראַנקרייך איז עקספּלאַאטירט געוואָרען דורך א חברה פּאָליטישע און פינאנציעלע אַוואַנטוריסטען, אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זיך אָנגעהויבען אַ אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג, וועלכע איז געווען אוממעגליך ביי דער ענגהערציגער פּחדנות'דיגער סיסטעם פון לואי פיליפּ, בעת די ממשלה איז געלעגען אין די הענד פון אַ קליינעם טייל פון דער גרויסער בורזשואַזיע. לואי באָנאָפּארט האָט ביי די קאַפּיטאליסטען אָפּגענומען זייער פּאָליטישע מאַכט מיט דעם תירוץ אַז ער וויל איהר, די בורזשואַזיע, שיצען געגען די אַרבעטער און פאַרקעהרט, די אַרבעטער, געגען דער בורזשואַזיע; דערפאַר אָבער האָט ער פאַרגרינגערט די שפּעקולאַציע און אינדוסטריעלע טעטיגקייט, בקיצור, די בורזשואַזיע, איז געוואַקסען און נתעשר געוואָרען גאָר אָן א מאָס. עס האָט זיך אין א גרויס מאָס

אנטוויקעלט די קאָרופּציע און מאַסען־גנבות אַרום דעם קייזערליכען הויף, וועלכער האָט אָנגעשטאָפּט די קעשענעס מיט די רוחים פון דער שפּעקולאַציע.

די צווייטע קיסר־מלוכה איז געווען דער רוף צום פראַנצויזישען שאָוויניזם, דאָס איז געווען די פאָדערונג צו דערגרייכען יענע גרענעצען, וועלכע די ערשטע אימפּעריע האָט פאַרלאָרען אין 1814, לכל הפּחות דערגרייכען די גרענעצען פון דער ערשטער רעפּובליק. אַ פראַנצויזישע אימפּעריע מיט די גרענעצען פון דער אַלטער מאָנאַרכיע, נאָך מעהר, אין די אָפּגעשניטענע גרענעצען פון 1815, איז ניט מעגליך געווען אויף אַ לאַנגער צייט. דעריבער זיינען געווען נויטיג די צייטווייליגע מלחמות און דאָס פאַר־גרעסערען פון די גרענעצען. אָבער קיין גרענעץ האָט אַזוי ניט פאַרבלענדט די פאַנטאַזיע פון די פראַנצויזישע שאָוויניסטען, ווי די דייטשע אויף דעם לינקען ברעג פון רהיין. איין איינציגער קוואַדראַט־מייל ביים רהיין איז פאַר זיי געווען מעהר טייער ווי 10 אין די אַלפּען אָדער ערגעץ וואו אנדערש. די צווייטע קיסר־מלוכה איז געווען די פאָדע־רונג אויף דעם לינקען רהיין־ברעג, צו קריגען איהם מיט אַ מאָל, צו שטחים־ווייז דאָס איז געווען אַ פראַגע פון צייט. די דאָזיגע צייט, איז געקומען מיט דער פּרייסיש־עסטרייכישע מלחמה פון 1866; אָפּגענאַרט פון ביסמאַרק און פון זיין אייגענער צו־כיטרער שהיות־פּאָליטיק, איז באָנאַפּאַרט גאָרנישט געבליבען איבעריג ווי די מלחמה, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען אין 1870 און האָט איהם פאַרטריבען קיין סעדאַן און פון דאַנען קיין ווילהעלמסהעהע.

דער נויטווענדיגער פועל־יוצא איז געווען די פּאַריזער רעוואָלוציע פון'ם 4־טען סעפּטעמבער 1870. די קיסר־מלוכה איז צופאַלען, ווי אַ קאָרטען־שטיבעל און מען האָט ווידער אויסגערופען די רעפּובליק. אָבער דער שונא איז געשטאַנען ביים טויער; די חיילות פון דער קיסר־מלוכה זיינען אָדער געווען איינגעשלאָסען אין מעץ אָדער געפאַנגען אין דייטשלאַנד. אין דעם דאָזיגען דחק האָט דאָס פאָלק דערלויבט די פּאַריזער דעפּוטירטע צו דער אַמאָליגער געזעצגעבענדיגער קערפּערשאַפט בילדען פון זיך אַ „רעגירונג פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיגונג". מען האָט דאָס מיט מעהר חשק געמאַכט, וואָרום צוליב דער פאַרטיידיגונג זיינען אַלע פּאַריזער, וואָס זיינען ביכולת צו טראָגען געוועהר, אַריינ־געטראָטען אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און האָבען באַקומען כלי־זין, אַזוי, אַז די אַרבעטער זיינען געוואָרען דאָס רוב פון דער גוואַרדיע. אָבער גאָר גיך איז געקומען צו אַ קאָנפליקט צווישען דער רעגירונג, וואָס איז באַשטאַנען כולה פון בורזשואַ, און צווישען דעם באַוואָפּענטען פּראָלעטאַריאַט. דעם 31. אָקטאָבער האָבען די אַרבעטער־באַטאַליאָנען געשטורמט דאָס שטאָדט־הויז און האָבען געפאַנגען אַ טייל פון די רעגירונגס־מיטגלידער; די רעגירונג האָט געבראָכען איהר וואָרט, זי איז באַגאַנגען פאַרראַט, עס זיינען אָנגעקומען אַ פּאָר קליינבירגערליכע באַטאַליאָנען — דאָס אַלץ האָט באַפרייט די געפאַנגענע. און כדי ניט אָנצינדען דער בירגער־קריג אין דער שטאָדט גופא, וואָס איז אַרומגערינגעלט פון שונא, האָט מען געלאָזען אויף ווייטער די ביזאַהעריגע רעגירונג.

דעם 28. יאַנואַר 1871 האָט דאָס אויסגעהונגערטע פּאַריז קאַפּיטולירט. אָבער מיט כבוד וואָס איז ניט געהערט געוואָרען ביז אַהער אין דעם ספר־המלחמות. די פאָרטען האָט מען איבערגעגעבען, דער וואַל אַרום־און־אַרום האָט מען אַנטוואָפענט, די כלי־זין ביי די חיילות האָט מען צוגענומען און זיי דערקלערט פאַר געפאַנגענע. נאָר די נאַציאָנאַלע־

גוואַרדיע האט מען געלאָזן איהר כלי־זין מיט די האַרמאַטען, און זי איז אַריינגעטראָטען נאָר אין א וואַפֿען־שטילשטאַנד מיט דעם זיגער. און דער זיגער האָט זיך ניט דערוועגט אַריינצומאַרשירען מיט טריאומף קיין פּאַריז. ער האָט באַזעצט נאָר אַ קליינעם ווינקעל פון דער שטאָדט, וואס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר קהל׳שע פּאַרקען, און דאס אויך נאָר אויף אַ פּאָר טעג! און אין דער דאָזיגער צייט זיינען די זיגער, וואס האָבען געהאַלטען פּאַריז 131 טעג אַרומגערינגעלט, געווען ארומגערינגעלט פון באַוואָפֿענטע ארבעטער, וועלכע האָבען געהיט, אַז קיין איין „פּרייס" זאָל ניט אַריבערטרעטען די ענגע גרענעץ פון דעם באַזעצטען ווינקעל. די פּאַריזער אַרבעטער האָבען געוואוסט אריינצוברעכען דרך ארץ פּאַר זיך אין דער אַרמעע, פאר וועלכער די גאַנצע חיילות פון דער אימפּעריע האָבען אוועקגעלעגט זייער כלי־זין. און די פּרייסישע יונקערס, וועלכע זיינען געקומען, כדי נוקם צו זיין זיך פון פּאַריז, וואו עס ברענט דער פייער פון דער רעוואָלוציע, זיינען מיט אַ יראת־הכבוד געבליבען שטעהן און סאַלוטירט די באַוואָפֿענטע רעוואָלוציע!

אין דער צייט פון מלחמה האָבען זיך די פּאַריזער ארבעטער באַגנוגענט דערמיט, וואס זיי האָבען געפאָדערט ענערגיש צו פיהרען דעם קאַמף. אבער איצט, ווען מיט דער קאַפּיטולאציע פון פּאַריז איז געקומען דעם שלום, האָט טיער, דער נייער ראש פון דער רעגירונג, געמוזט איינזעהן, אַז די ממשלה פון די רייכע קלאַסען — גרויסע פּריצים און קאַפּיטאַליסטען — שטעהט אין אַ סכנה אזוי לאַנג ווי די פּאַריזער אַרבעטער האָבען געוועהר אין זייער האַנד. זיין ערשטע מלאכה איז געווען פּרובען זיי צו אנטוואָפענען. דעם 18. מערץ האָט ער געשיקט רעגולערע חיילות, כדי אוועקצונעהמען ביי דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע איהר אַרטילעריע, וואָס פּאַריז האט געשאַפען אין דער צייט פון באַלאַגערונג און באַצאָהלט דורך די געלדער, וואס מען האט געקליבען אין שטאָדט. דער דאָזיגער פּרוב איז דורכגעפאַלען, און פּאַריז האָט זיך, ווי איין מאַן, אויפגעהויבען געגען דעם דאָזיגען אָנפאַל. אַזוי איז דערקלערט געוואָרען קריג צווישען פּאַריז און דער פראַנצויזישער רעגירונג, וואס איז געזעסען אין ווערזייל. דעם 26. מערץ האָט מען אויסגעקליבען די פּאַריזער קאָמונע, דעם 28. איז די פּאַריזער קאָמונע אויסגערופען געוואָרען. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וועלכע איז ביז אהער געווען די רעגירונג, האָט אָפּגעטראַטען און איבערגעגעבען איהר אָרט דער קאָמונע, אָבער קודם האט ער נאָך בטל געמאַכט דורך א דעקרעט די סקאַנדאַליעזע פּאַריזער „זיטענפּאָליציי". דעם 30. האָט די קאָמונע בטל געמאַכט דאס ווערבעווען פון רעקרוטען אין דער שטענדיגער אַרמעע; זי האט דערקלערט, אַז די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, צו וועלכער עס געהערען אלע די וואס זיינען ביכולת צו טראָגען געוועהר, איז די איינציגע באַוואָפענטע מאַכט. זי האט ארויסגעלאָזען אַ דעקרעט, וועלכער האט באַפרייט די פּאַריזער פון צאָהלען דירה־געלד פאר דער צייט אָקטאָבער 1870 ביז צום אַפּריל, און דערביי האט זי די שוין אָפּגעצאַהלטע דירה־געלד פאר דער דאָזיגער צייט געהייסען פאַררעכענען אויף להבא. זי האט אָפּגעשטעלט דעם פארקויף פון פאר׳משכנ׳טע חפצים אין שטאָדטיגען לאָמבארד. אין דעם זעלביגען טאָג האט מען באַשטעטיגט אלע אויסלענדער, וואס מען האט געקליבען אין דער קאָמונע, ווארום די „פאָהן פון דער קאָמונע איז די פאָהן פון דער וועלט־רעפּובליק". — דעם 1. אַפּריל האָט מען באַשלאָסען, אַז די העכסטע שכירות פאר אנ׳אנגעשטעלטען ביי דער קאָמונע, ד. ה. אויך פאַר

איהרע מיטגלידער, טאָר ניט זיין העכער פאר 6000 פראַנק (4800 מארק). אויף דעם אנדערען טאָג האָט מען ארויסגעלאזען א דעקרעט, דורך וועלכען מען האט אָפּגעטיילט די מלוכה פון דער קירך, און מען האט בטל געמאכט אלע מלוכה־אפּצאָהלונגען פאר רעליגיעזע צוועקען, אלע נחלאות וואס האבען געהערט צו דער קירך האט מען דערקלערט פאר נאציאנאלען אייגענטום. דעם 8. אַפּריל האָט מען ארויסגעלאָזען א באַפעהל ארויסצונעהמען פון די שולען אַלע רעליגיעזע סימבאָלען, בילדער, דאגמען, תּפילות, בקיצור אַלץ „וואס איז פארבונדען מיט דעם געוויסען פון יעדער איינצעלנעם", און פּאַוואָלע האט מען דאס אויך דורכגעפיהרט. — דעם 5. האט מען ארויסגעלאָזען א דעקרעט וועגען נעהמען מענשען פאר משכנות, דאס איז געווען דער ענטפער אויף דעם, וואס די ווערזיילער חיילות פלעגען דערשיסען די קאָמונאַרען, דעם דאָזיגען דעקרעט האט מען אָבער קיינמאָל ניט דורכגעפיהרט. דעם 6. האט דער 137. באַטאליאָן פון דער נאציאנאלער גוואַרדיע ארויסגעשלעפּט די גיליאָטינע און בפרהסיא פארברענט, די שמחה פון פאָלק איז געווען גרויס. — דעם 12. האט די קאָמונע באשלאָסען צו פארניכטען דעם נצחון־זייל אויף דעם וואנדאם־פּלאץ. דער דאָזיגער זייל איז אויסגעגאָסען געוואָרען אין 1809 יאָהר פון די הארמאטען, וועלכע נאַפּאָלעאָן האט פארכאפּט אין זיינע מלחמות; פאר דער קאמונע איז דער דאָזיגער זייל געווען דער סימבאָל פון שאוויניזם און פעלקער־האַס. דעם 16. מאַי האט מען דעם דאָזיגען באשלוס אויסגעפיהרט. — דעם 16. אפּריל האט די קאָמונע דעקרעטירט מען זאָל אויפנעהמען די סטאטיסטיק פון די פאַבריקען, וואס די בעלי־הבתים האבען אָפּגעשטעלט, און אויסארבעטען פּלענער ווי אזוי מען זאָל אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות באשעפטיגען די ארבעטער אין די דאָזיגע פאבריקען און ווי אזוי מען זאָל פאראייניגען די דאָזיגע קאָאָפּעראטיווען אין איין גרויסען פארבאנד. — דעם 20. האט זי בטל געמאכט די נאכטארבעט ביי די בעקער, מען האט אויך בטל געמאכט די ארבעטס־בערזשעס, וועלכע זיינען אין דער צייט פון דער צווייטער אימפּעריע געווען א מלוכה־מאָנאָפּאָל און געשטאַנען אונטער דער הנהגה פון מיאוס'ע פּאַרשוינען, וועלכע די פּאָליציי פלעגט באשטימען, דאס זיינען געווען בלוטזויגער פון ערגסטען מין; די דאָזיגע ארבעט האט מען איבערגעגעבען די צוואנציג פּאַריזער ראַיאָנען. — דעם 30. אפּריל האט זי בטל געמאכט די לאָמבארדען, וואס זיינען געווען א פּריוואטע עקספּלואטאציע פון ארבעטער און זיינען געשטאַנען אין א סתירה מיט דעם רעכט פון ארבעטער אויף זיינע ארבעטסאינסטרומענטען און קרעדיט. — דעם 5. מאַי האט זי באשלאָסען אַראָפּצוגראָבען דעם קליינעם קלויסטערל, וועלכע מען האט אויסגעבויט, אלס אויסלייז פאר דעם וואס מען האט געקעפּט לודוויג XVI.

אזוי האט זיך בולט ארויסגעוויזען דער קלאסען־כאראקטער פון דער פּאַריזער באוועגונג, וועלכער איז ביז'ן 18. מערץ געווען פארשטויסען דורך דעם קאמף געגען דער פרעמדער אינוואזיע. אין דער קאָמונע זיינען געזעסען כמעט נאר ארבעטער, אָדער אנערקענטע ארבעטער־פּארטרעטער, און זייערע החלטות טראגען א קלארען פּראלעטארישען כאראקטער. זיי האבען דעקרעטירט רעפאָרמען, וועלכע די רעפּובליקאנישע בורזשואַזיע האט נאר צוליב איהר פחדנות ניט דורכגעפיהרט, וועלכע זיינען אבער געווען דער נויטווענדיגער יסוד פאר דער פרייער פּראָלעטארישער אקציע, ווי למשל, די דורכ־

פיהרונג פונ׳ם פונקט: לגבי דער מלוכה איז די רעליגיע נאר א פריוואטע זאך; זיי האבען אויך אנגענומען באשלוסען דירעקט לטובת דעם ארבעטער־קלאס, און טיילווייז זיך טיף אריינגעשניטען אין דער אלטער געזעלשאפט־ארדנונג. אבער דאס אלץ האט אין א באלאנערטער שטאדט געקאנט זיין העכסטענס דער אנהויב פון דער פארווירקליכונג. ועל כולם האט מען שוין פון אנהויב מאי נעדארפט אפגעבען אלע כחות אויף דעם קאמף מיט די ווערזיילער חיילות, וואס פלעגען ווערען וואס וויטער אלץ גרעסער און גרעסער.

דעם 7. אפריל האבען די ווערזיילער פארנומען דעם איבערגאנג איבער דעם סען ביי נויי, אויף דעם מערב־פראנט פון פאריז; דעם 11. האבען זיי געמאכט אנ׳אנגריף אויף דעם דרום־פראנט, אבער דער גענעראל אויד האט זיי צוקלאפט. די אייגענע לייט, וואס האבען געהאלטען אין איין שרייען, אז ס׳איז א חילול הקודש, וואס די פרייסען באמבארדירען פאריז, האבען איצט אליין אהן אנ׳אויפהער געבאמבארדירט די שטאדט. די זעלביגע מענשען האבען איצט זיך געבעטען ביי דער פרייסישער רעגירונג, זי זאל זיי אפשיקען די פראנצויזישע געפאנגענע פון סעדאן, וועלכע זאלען העלפען איינעהמען פאריז. פון אנהויב מאי האבען אנגעהויבען אנצוקומען חיילות, און דאס האט פארשטארקט די ווערזיילער. דאס האט זיך שוין ארויסגעוויזען דעם 23. אפריל, בעת טיער האט מעהר ניט געוואלט פארהאנדלען מכח דעם בייט, וועלכע די קאמונע האט איהם אנגע־באטען. זי האט פארגעלעגט אויסבייטען דעם ארכיביסקופ פון פאריז און א גאנצע רייהע פון גלחים, וועלכע מען האט גענומען פאר משכנות אין פאריז געגען דעם איין איינציגען בלאנקי, וועלכען מען האט צוויי מאל געקליבען אין דער קאמינע, און וועלכער איז געזעסען געפאנגען אין קלער וואור. אז עס זיינען שוין דא חיילות, האט מען געקענט באמערקען אין טיער׳ס לשון; ביז אהער האט ער גערעדט האלבע ווערטער און צוויי־דייטיג, איצט איז ער מיט א מאל געווארען חוצפה׳דיג, ברוטאל און האט אנגעהויבען צו סטראשען. אויף דעם דרום־פראנט האבען די ווערזיילער דעם 3. מאי איינגענומען דעם רעדוט מולען סאקע, דעם 9. — דער פארט איסיי, וועלכען זיי האבען צושאסען אויף אש, דעם 14. האבען זיי איינגענומען דעם פארט וואנוו. אויף דעם מערב־פראנט האט זיך די ווערזיילער, די שטארקערע אין צאל, איינגעגעבען פאוואלע א רוק טהאן זיך צו די דערפער, וואס זיינען געלעגען ארום און ארום איינגעמעגדיג די געביידעס, צוקומען ביז צום הויפט־וואל; דעם 11. האט זיי זיך איינגעגעבען אריינדרינגען אין שטאדט און דאס איז געשעהן א דאנק דעם פארראט און צוליב דער אפגעלאזענקייט פון דער נאציאנאלער גווארדיע, וואס האט פארנומען דעם דאזיגען ארט. די פרייסען, וועלכע האבען פארנומען די צפון׳דיגע און מזרח׳דיגע פארטען, האבען דערלויבט די ווערזיילער דורכצוגעהן די פארבאטענע דורך דעם וואפענשטילשטאנד טערריטאריע און אויף אזא אופן אריין אין שטאדט מיט אנ אויסגעצויגענעם אנגרייפענדיגען פראנט. די פאריזער האבען געהאלטען, אז די דאזיגע טערריטאריע איז באשיצט דורך דעם וואפענשטיל־שטאנד און מהאי טעמא האבען זיי ניט געהאט דא קיין שטארקע חיילות. דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אז דער ווידערשטאנד אין דעם מערב־טייל פון שטאדט, דעם טייל וואו עס וואהנט די בורזשואזיע, איז געווען זעהר שוואך. עקשנות׳דיג איז געווארען דער קאמף אין דעם מזרח־טייל פון שטאדט, אין דער ארבעטער־שטאדט. אכט טעג נאכאנאנד האט געדויערט דער קאמף, די לעצטע פארטיידיגער פון דער קאמינע זיינען

דערשאָסען געוואָרען ביי בעלוויל און מענילמאָנטאַן, און ערשט איצט האָט די שחיטה פֿון ניטבאַוואָפֿענטע מענער, פֿרויען און קינדער, וואָס האָט געדויערט די גאַנצע צייט, דערגרייכט איהר העכסטען גראַד. די ביקסען האָבען ניט געקענט גיך גענוג הרג'ענען, האָט מען די באַזיגטע הונדערטערווייז געשאָסען פֿון מאַשינענגעוועהר. די „וואַנד פֿון די פֿעדערירטע" אויף דעם בית־עולמין פּער לאַשעז, וואו עס איז דורכגעפֿיהרט געוואָרען דער לעצטער מאַסען־מאָרד, שטעהט נאָך היינט: דאָס איז דער שטום־רעדענדיגער עדות פֿון דער אכזריות, וואָס עס קען אַרויסווייזען דער הערשענדיגער קלאַס, בעת דער פּראָלעטאַריאַט דערוועגט אויפֿהויבען זיך פֿאַר זיינע רעכט. בעת מען האָט דערזעהן, אַז מען קען אַלעמען ניט דערשיסען, האָט מען אָנגעהויבען מאַסענווייז צו אַרעסטירען, מען האָט געשאָסען מענשען, וועלכע מען פֿלעגט אָהן קיינע שום טענות ומענות אַרויסנעהמען פֿון דער שורה. די איבעריגע פֿלעגט מען שיקען אין אַ לאַגער, וואו זיי פֿלעגען שמאַכטען, וואַרטענדיג אויף אַ קריגס־געריכט. די פּרייסישע חיילות, וועלכע זיינען געלעגען אין דער צפֿונ'דיגער טייל פֿון פּאַריז, האָבען געהאַט אַ באַפֿעהל ניט דורכצולאָזען קיין איין איינציגען אַנטלאָפֿענעם, אָבער די אָפֿיצירען פֿלעגען פֿאַרמאַכען אַן אויג, בעת די סאָלדאַטען האָבען זיך מעהר צוגעהערט צו דער שטימע פֿון מענשליכקייט, איידער צו דער שטימע פֿון זייער אויבער־קאָמאַנדאָ, אין דעם פּרט האָט זיך אויסגעצייכענט דער זעקסישער קאָרפּוס — ער איז זיך באַנאַנגען זעהר מענשליך און פֿלעגט דורכלאָזען אַסך אַזעלכע, וועגען וועלכע מען האָט גוט געוואוסט, אַז זיי זיינען קאָמונאַר־ען.

לאָמיר היינט, נאָך צוואַנציג יאָהר אַ קוק טהאָן אויף דער אַרבעט און געשיכטליכען באַטייט פֿון דער פּאַריזער קאָמונע פֿון 1871, וועלען מיר זעהן, אַז צו דעם „בירגער־קריג אין פֿראַנקרייך" דאַרף מען נאָך אַביסעל צוגעבען.

די מיטגלידער פֿון דער קאָמונע זיינען געווען צעשפּאַלטען אויף אַ מעהרהייט בלאַנקיסטען, וועלכע האָבען געהאַט די אויבערהאַנד אויך אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, און אַ מינדערהייט, וואָס איז דאָס רוב באַשטאַנען פֿון מיטגלידער פֿון דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע אָנהענגער פֿון פּרודאָנ'ס סאָציאַליסטישער שיטה. די בלאַנקיסטען אין דער גרויסער מאַסע, זיינען געווען סאָציאַליסטען נאָר צוליב זייער רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַרישען אינסטינקט. אַ קליינע צאָהל איז יאָ דערגאַנגען צו אַ גרעסערער פּרינציפּיעלער קלאָרקייט אַ דאַנק וואַליאַן וועלכער איז געווען באַהאַוונט אין דעם דייטשען וויסענשאַפֿטליכען סאָציאַליזם. דערפֿון איז צו פֿאַרשטעהן, אַז די קאָמונע האָט אויף דעם עקאָנאָמישען געביט ניט געטאָן דאָס, וואָס לויט אונזער היינטיגער מיינונג, דאַרף זי געדאַרפֿט טאָן. אָבער פֿונדעסטוועגען לאָזט זיך שווער באַגרייפֿען דער הייליגער דרך ארץ, מיט וועלכען מען איז געבליבען שטעהן פֿאַר די טויערן פֿון דער באַנק פֿון פֿראַנקרייך. דאָס איז געווען אויך אַ שווערער פּאָליטישער טעות. די באַנק אין די הענד פֿון דער קאָמונע — דאָס איז מעהר ווערט ווי צעהן טויזענד לעבעדיגע משכנות. דאָס באַטייט, אַז די פֿראַנצויזישע בורזשואַזיע וואָלט זיין פֿאַראינטערעסירט אין אַ שלום מיט דער קאָמונע און וואָלט אין דעם פּרט משפּיע געווען די ווערזיילער רעגירונג. אָבער פֿון וואָס עס איז באמת נתפּעל צו ווערען איז עס דערפֿון ווי ריכטיג עס האָט אַסך זאַכען געמאַכט די קאָמונע, די קאָמונע וואָס איז באַשטאַנען פֿון בלאַנקיסטען און פּרודאָניסטען. פֿאַרשטעהט זיך, אַז פֿאַר די ווירט־

שאפּטליכע דעקרעטען פון דער קאָמונע, פאר זייערע מעלות און חסרונות זיינען קודם כל פאראנטוואָרטליך די פּרודאָניסטען, פונקט אַזוי גוט ווי פאר די פּאָליטישע מעשים און פעהלערן — בלאַנקיסטען. און די איראָניע פון דער געשיכטע האט געוואלט — דאס איז שוין תמיד אזוי, ווען עס קומען דאָקטרינערען צום רודער — אז סיי דער איינע און סיי די אנדערע זאָלען טהאָן פונקט דעם היפוך דערפון וואס עס זאגט זייער שיטה־דאָקטרין.

פּרודאָן, דער סאָציאַליסט פון קליין־פּויערטום און בעלי־מלאכות, האט געהאט צו דער אסאָציאציע אַ פּאָזיטיווע שנאה. אויף דער אסאָציאציע האט ער געזאגט, אז זי האט אין זיך מעהר שלעכץ, ווי גוץ, פון דער נאטור אויס איז זי אומפּרוכטבאר, יאָ, זי איז אפילו שעדליך, ווייל זי פּענטעט די פרייהייט פון'ם ארבעטער: זי איז א גאָלע דאָגמע, זי איז אומפּראָדוקטיוו און איבעריג, זי שטעהט אין א היפוך סיי צו דער פרייהייט פון ארבעטער, סיי צו דעם איינשפּארען פון ארבעט, איהרע חסרונות וואקסען גיכער ווי איהרע מעלות; אנטקעגען איהר שטעהען די ווירטשאפטליכע כחות: די קאָנקורענץ, ארבעטס־טיילונג און פּריוואט־אייגענטום, עס איז דא אויך א יוצא מן הכלל — אזוי רופט דאס פּרודאָן — די גרויסער אינדוסטריע, אייזענבאהנען — דאָ איז צוגעפּאסט די אסאָציאציע. (זעה Idée génerale de la Revolution, 3 étude)

אין 1871 האט די גרויסע אינדוסטריע שוין אויפגעהערט צו זיין א יוצא מן הכלל אפילו אין פּאַריז אין דעם צענטער פון קונסט־האנדווערקער. אזוי אז די קאָמונע האט געקענט ארויסלאזען א דעקרעט וועגען ארגאניזירען די גרויסע אינדוסטריע און אפילו די מאנופאקטור און ניט באגנוגענען זיך בלויז מיט בשותפות'דיגער ארבעט פון די ארבעטער אין יעדער פאבריק, נאר טאקי, פאראייניגען די אלע קאאָפּעראַטיווען אין איין גרויסען פארבאנד. אזא ארגאניזאציע האט געדארפט ברענגען, ווי עס זאגט ריכטיג מארקס אין'ם „בירגערקריג", צום קאָמוניזם, דאס הייסט פונקט צום היפוך פון פּרודאָנ'ס שיטה. און דערפאר איז טאקי די קאָמונע געווען דער קבר פון פּרודאָנ'ס סאָציאליסטישער תורה. היינט איז די דאזיגע שיטה שוין פארשוואונדען ביים פראנצויזישען ארבעטער־קלאס; היינט הערשט דא הן ביי די „פּאָסיביליסטען" הן ביי די „מאַרקסיסטען" אליין די מארקסיסטישע טעאָריע. נאר צווישען דער „ראדיקאלער" בורזשואזיע זיינען נאָך דא פּרודאָניסטען.

דער גורל פון די בלאנקיסטען איז געווען ניט בעסער. ערצויגען האט זיי די שיטה פון קאמפּלאָט, פארבונדען זיינען זיי געווען מיט א שטרענגער דיסציפּלין; זייער שטאנדפּונקט איז געווען, אַז א פארהעלטניסמעסיגע קליינע צאהל אנטשלאסענע, גוט־אָרגאַניזירטע מענער זיינען ביכולת ניט בלויז פארכאפּען ביי אַ געוויסען מאָמענט דעם מלוכה־רודער, נאר אויך דורך אַ גרויסער ענערגיע האַלטען איהם אזוי לאנג ביז די גרויסע פאלקס־מאַסען וועלען זיך ארייננציהען אין דער רעוואלוציע און וועט זיך גרופּירען אַרום דער קליינער צאָהל פון די פיהרער. דערצו איז קודם כל נויטיג די שטרענגע דיקטאטארישע צענטראליזאציע פון דער גאנצער מאַכט אין די הענד פון דער נייער רעוואלוציאָנערער רעגירונג. און וואס האס געטהאן די קאמונע, וואס איהר רוב איז באשטאַנען פון בלאַנקיסטען? אין איהרע אַלע פּראָקלאמאציעס צו די פּראַנצויזען פון דער פּראָווינץ האָט זי זיי אויפגעפאָדערט צו שאַפען אַ פרייע פעדעראַציע פון אַלע קאָמונעס מיט פּאַריז, שאַפען א נאַציאָנאלע אָרגאניזאַציע, וועלכע זאָל צום ערשטען מאָל טאַקע אויפגעבויט ווערען דורך דעם פאָלק אליין, און פונקט די באַדריקערישע מאַכט

פון דער ביז איצטיגער צענטראליזירטער רעגירונג, די אַרמעע, פּאָליטישע פּאָליציע און ביוראָקראַטיע, וועלכע נאַפּאָלעאָן האט געשאפען אין 1798 און וועלכע יעדער רעגירונג געהמט מיט פארגעניגען איבער, אלס איהר א ווערקצייג געגען די געגנער, פונקט אָט די דאָזיגע מאַכט האָט געדאַרפט אומעטום פאַלען, ווי זי איז געפאַלען אין פּאַריז.

די קאָמונע האט געמוזט תיכף ומיד אנערקענען, אז ווען דער אַרבעטער־קלאַס איז שוין געקומען צום רודער, טאָ קען ער ניט ווייטער בעלי־בית'עווען מיט דער אַלטער מלוכה מאַשינעריע; און אַז דער דאָזיגער אַרבעטער־קלאַס מוז כדי ניט צו פארלירען די אקערשט פארכאפּטע מאכט, פון איין זייט פּאַרניכטען די באַדריקונג־מאַשינעריע, וועלכע מען האט באנוצט געגען איהם, און פון דער אַנדערער — פאַר־זיכערען זיך געגען איהרע אייגענע דעפּוטאַטען און באַאַמטע — און דאס האט ער געטהאָן, דערקלערענדיג, אַז יעדערער, אהן קיין שום חילוק, קען צו יעדער צייט אָפּגע־זאָגט ווערען. אין וואס איז באשטאנען דער כאראקטעריסטישער אייגענאַרט פון דער ביזאיצטיגער מלוכה? כדי צו פארזאָרגען איהרע בשותפות'דיגע אינטערעסען, האט די געזעלשאַפט, פון אנהויב דורך פשוט'ער ארבעטס־טיילונג, געשאַפען זיך אייגענע אָרגאַנען. אָבער מיט דער צייט זיינען די דאָזיגע אָרגאנען, וועמעס שפּיץ עס האט געשאַפען די מלוכה־מאַכט, אין דינסט פון זייערע באַזונדערע אינטערעסען, מגולגל געוואָרען פון דינער פון דער געזעלשאפט און איהרע הערען. דאס קען מען למשל גוט זעהן ניט בלויז אין דער מאָנאַרכיע, נאָר אויך אין דער דעמאָקראטישער רעפּובליק. עס איז ניטאָ נאָך אַ לאַנד, וואו די „פּאָליטיקער" זאָלען זיין נאָך א מעהר אפּגעזונדערטע און מעכטיגערע אָפּטיילונג פון דער נאַציע, ווי אין צפון־אמעריקע. די יעדערע פון די גרויסע פּארטייען, צו וועלכער עס פאַלט אריין די מאַכט ווערט דא רעגירט פון מענשען, וואס מאכען געשעפט פון פּאָליטיק, וואס שפּעקולירען אויף די דעפּוטאַטען־ערטער אין די געזעצ־געבענדיגע פארזאמלונגען פון דער מלוכה, וואס לעבען פון דער אַגיטאַציע פאר זייער פּאַרטיי; און אז די פּאַרטיי האַלט אָפּ אַ נצחון באקומען זיי גוטע שטעלעס. מען ווייס דאָך זעהר גוט, אַז די אַמעריקאנער סטארען זיך שוין אַ 90 יאהר אַראפּטרייסלען פון זיך דעם דאזיגען אומערטרעגליכען יאָך, און פון דעסטוועגען זינקען זיי וואס ווייטער אַלץ טיפער אין דעם זומף פון קארופּציע. גראד אין אַמעריקע קענען מיר זעהן ווי די מלוכה־מאַכט, וועלכע איז פון אנהויב באשטימט געווארען פאר דעם געצייג פון דער געזעלשאפט, ווערט זעלבשטענדיג לגבי דער געזעלשאפט. דא איז ניטאָ ניט קיין דינאַסטיע ניט קיין אַדעל, ניט קיין שטענדיגע אַרמעע, אַ חוץ א פּאָר מאַן כדי צו היטען די אינדיאַנער, ניט קיין ביוראָקראטיע מיט פעסטע שטעלעס און פּענסיע. און פון דעסטוועגען האבען מיר דא צוויי גרויסע באַנדעס פון פּאליטישע שפּעקולאַנטען, וועלכע האלטען היינט איינער, מארגען דער אַנדערע — די מלוכה־מאַכט און נוצען איהר אויס אויף די מיאוס'טע אופנים און פאר די מיאוס'טע צוועקען. — און די נאַציע איז ניט ביכולת עפּעס צו טהאן געגען די דאזיגע צוויי קאַרטעלען פון פּאליטיקער, וועלכע טוען כלומרשט לטובת הכלל, אבער אין דער אמת'ן באַהערשען זיי און ראַבעווען די נאַציע.

און געגען דעם דאזיגען גלגול פון דער מלוכה און די מלוכה־אָרגאַנען פון דינער פון דער געזעלשאַפט אין איהרע הערען, האט די קאָמונע אנגעווענדט צוויי ריכטיגע מיטלען. ראשית האט זי אויף אַלע שטעלעס הן פארוואלטער, הן ריכטער, הן לעהרער, אַוועק־

געזעצט מענשען, וועלכע מען האט געקליבען אויף דעם גרונד פון אלגעמיינעם שטימרעכט, און די באטייליגטע וועהלער האבען דעם באאמטען געקענט צו יעדער צייט אפרופען. והשנית האט זי געצאהלט פאר אלע באאמטע, סיי הויכע, סיי נידריגע, שכירות, וואס עס באקומט אנ׳ארבעטער. די גרעסטע שכירות, וואס זי האט געצאהלט איז געוועזען 6000 פראנק. דערמיט האט מען געמאכט א סוף צו דער יאגעניש נאך שטעלעס, ניט רעדענדיג שוין פון די אימפעראטיווע מאנדאטען, וואס עס פלעגען נאך באקומען די דעפוטאטען, וועלכע מען פלעקט ערגעץ וואו קלויבען.

דער דריטער פרק פון „בירגער־קריג“ שילדערט גענוי ווי אזוי מען האט אויפגעריסען די ביזאהעריגע מלוכה־מאכט און ווי מען האט אוועקגעזעצט א נייע, א דעמאקראטישע. אבער עס איז נויטיג, אפצושטעלען זיך אויף א פאר שטריכען, באשר גראד אין דייטשלאנד האט זיך איבערגעטראגען דער אבערגלויבען אין דער מלוכה פון דער פילאזאפיע אין דעם אלגעמיינעם באוואוסטזיין פון דער בורזשואזיע און אפילו פון אסך ארבעטער. לויט דער פילאזאפישער פארשטעלונג איז די מלוכה „די פארווירקליכונג פון דער אידעע“, אבער גערעדט אויף א פילאזאפישען לשון — גאטס מלוכה אויף דער ערד, דאס איז דער געביט, וואו עס דארף זיך פארווירקליכען אדער עס האט זיך פארווירקליכט דער אייביגער אמת און יושר. און דערפון איז געקומען דער אבערגלויבישע פארעהרונג פון דער מלוכה און פון דעם אלץ וואס איז מיט איהר פארבונדען, דאס ווערט נאך פארגרינגערט דערמיט וואס מען האט זיך איינגעוועהנט איינצורעדען פון קינדווייז אויף, אז בשותפות׳דיגע געשעפטען און אינטערעסען פון דער געזעלשאפט קענען פארזארגט ווערען נאר אויף דעם זעלביגען וועג ווי ביז איצטער, ד. ה. דורך דער מלוכה און איהר גוטער נאטשאלסטווע. און מען מיינט, אז מען האט געמאכט דערוויסט וואס פארשריט בעת מען באפרייט זיך פון דעם גלויבען אין דער מאנארכיע, און מען שווערט דער דעמאקראטישער רעפובליק. באמת׳ן איז אבער די מלוכה ניט מעהר ווי א באדריקונג־מאשינע פון איין קלאס געגען דעם אנדערען, און אין דער דעמאקראטישער רעפובליק לא פחות ווי אין דער מאנארכיע; אין בעסטען פאל איז דאס א צרה, וועלכער דער זיגרייכער פראלעטאריאט באקומט בירושה און וועמעס מיאוס׳טע טיילען ער וועט, פונקט ווי די קאמונע, ניט זיין ביכולת תיכף צו באזייטיגען ביז עס וועט ביי א נייער סביבה אויסוואקסען א דור, וועלכער וועט זיין ביכולת אראפצוווארפען פון דעם זיך דעם גאנצען פארשימעלטען מלוכה־אפאראט.

דעם דייטשען פיליסטער האט ווידער אמאל אנגעכאפט אנ׳אימה ביים ווארט: דיקטאטור פונ׳ם פראלעטאריאט. נו גוט, רבותי, איהר ווילט וויסען ווי די דאזיגע דיקטאטור זעהט אויס? קוקט אן די פאריזער קאמונע. דאס איז געווען די דיקטאטור פונ׳ם פראלעטאריאט.

לאנדאן, דער צוואנציגסטער יאהרצייט פון דער פאריזער קאמונע, 18. מערץ 1891.

פ. ענגעלס.

צו די מיטגלידער פון דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־אסאציאציע אין אייראפע און אמעריקע.

I.

אנ'אדרעס פון דעם גענעראל־ראט איבער דער דייטש־פראנצויזישער מלחמה.

אין דעם איינפיהרונגס־אדרעס פון אונזער אסאציאציע אין דעם חודש נאוועמבער 1864 האבען מיר געזאגט: „אויב די באפרייאונג פון דעם ארבעטער־קלאס איז זיך סומך אויף דער פאראייניגונג און מיטארבעט פון דעם ארבעטער־קלאס, טא ווי קען איסגעפיהרט ווערען די דאזיגע גרויסע שליחות, אזוי לאנג ווי עס ווערט געמאכט אנ־אויסערליכע פאליטיק, וואס פארגיסט אין מלחמות דאס בלוט פון דעם פאלק און צוראבעוועט זיין האב און גוטס, וואס האט אין זינען פארברעכערישע פלענער און העצט אויף די פעלקער איינע געגען די אנדערע?" און מיר האבען באצייכענט יענע אויסערליכע פאליטיק, צו וועלכע עס שטרעבט דער אינטערנאציאנאל אט אזוי: „די פשוט'ע געזעצען פון מוסר און יושר, וואס דארפען רעגולירען די באציהונגען צווישען יחידים, דארפען אויך האבען א קיום אין די באציהונגען צווישען די פעלקער אלס די העכסטע געזעצען". עס איז קיין חדוש ניט, וואס לואי באנאפארט, וועלכער האט פארכאפט די מאכט דורכדעם, וואס ער האט אויסגענוצט דעם קלאסען־קאמף אין פראנקרייך און האט זי פארלענגערט דורך שטענדיגע מלחמות, האט זיך באצויגען צו דעם אינטערנאציאנאל ווי צו א דם־שונא. ערב פונ'ם פלעביסציט האט ער אנגעפיהרט א קאמף געגען די מיטגלידער פון די קאמיטעטען פון דער ארבעטער־אסאציאציע אין פאריז, ליאן, רואן, מארסעיל, ברעסט — בקצור אין גאנץ פראנקרייך מיט דעם אויסרעד, אז דער אינטערנאציאנאל איז א פארבארגענע געזעלשאפט, וועלכע האט בדעה איהם צו דער'הרגנ'ען. אפילו זיינע אייגענע שופטים האבען געמוזט מודה זיין, אז דער דאזיגער אויסרעד האט קיין שום ממשות'דיגען יסוד ניט. אין וואס איז אויף אזא אופן באשטאנען דער אמת'ער פארברעך פון די פראנצויזישע סעקציעס פון דעם אינטערנאציאנאל? וואס זיי האבען דערקלערט אפען דעם פראנצויזישען פאלק: שטימען פאר דעם פלעביסציט איז אקוראט, ווי מען וואלט געשטימט פאר דער דעספאטיזם אינ'ם לאנד גופא און פאר דער מלחמה מיט דעם אויסלאנד". און ווען אין אלע גרויסע שטעדט און אלע אינדוסטריע־צענטרען פון פראנקרייך האט זיך דער ארבעטער־קלאס אויפגעהויבען געגען דעם פלעביסציט, איז דאס טאקע געוועזען די ארבעט פון די סעקציעס, אבער די דאזיגע שטימען זיינען איבערגעוואוגען געווארען דורך דער עם־הארצות פון די דארף־באצירקען, די בירזשעס, די קאבינעטען, די קלאסען פון בעלי־בתים און דער פרעסע פון גאנץ אייראפע, וואס האבען געקוקט אויף דעם פלעביסציט, ווי אויף א נצחון פון דעם פראנצויזישען קיסר איבער דעם ארבעטער־קלאס. אין דער אמת'ן איז דאס געוועזען דער צייכען צום דערשטיקען פון גאנצע פעלקער, ניט נאר פון יחידים.

דער מלחמה־קאמפלאט פונ׳ם יולי 1870 איז נאר א פארבעסערטע אויסגאבע פון דער איבערקעהרעניש אינ׳ם דעצעמבער 1851. אויף דעם ערשטען קוק, האט דער גאנצער ענין אויסגעוויזען אזוי נאריש, אז פראנקרייך האט ניט געגלויבט, אז מען וויל איהם אין דער אמת׳ן. עס האט מעהר געגלויבט יענעם דעפוטאט, וועלכער האט באטראכט די רעדעס פון די מיניסטארען לטובת דער מלחמה אלס א שפיצעל פון בירזשע־ליים. און בעת דער דאזיגער ענין פון דער מלחמה איז לסוף פארגעלעגט געווארען פאר׳ן פארלאמענט דעם 15. יולי, האט זיך די גאנצע אפאזיציע אבגעזאגט פון צוצושטימען צו די קרעדיטען. אפילו טיער האט אנגערופען די מלחמה א „פאסקודנע”. אלע אומאבהענגיגע צייטונגען פון פאריז האבען זיך שארף ארויסגעזאגט געגען איהר און נאר די פרעסע פון דער פראווינץ האט געגעבען איהר הסכמה דערצו. דערוויל האבען די פאריזער מיטגלידער פון דעם אינטערנאציאנאל ווידער אנגעהויבען צו ארבעטען. אין דעם „רעוויו” פון 12. יולי האבען זיי פארעפענטליכט זייער מאניפעסט צו די „ארבעטער פון אלע נאציעס” בזה הלשון:

„נאכאמאל שטעלט א פאליטישע אוואנטיורע דעם שלום פון דער וועלט אין א סכנה מיט דעם אויסרעד, אז דער גלייכגעוויכט פון אייראפע און דער כבוד פון דער נאציע פאדערען א מלחמה. פראנצויזישע, שפאנישע און דייטשע ארבעטער! לאמיר אקארשט צונויפגיסען אונזערע שטימען צו איין איינציגער קללה געגען דער מלחמה... א מלחמה וועגען א פראגע פון גרעסערער מאכט אדער וועגען דינאסטישע אינטערעסען מוז אין די אויגען פון ארבעטער זיין א פארברעכערישער שטות. מיר פראטעסטירען אויפ׳ן קול געגען די אויסגעשרייען פון יענע, וואס זעהען אין דעם אומגליק נאר א קוואל פון נייע שפעקולאציעס. מיר, וועלכע נויטיגען זיך נאר אין שלום און ארבעט! ברידער אין דייטשלאנד! א סכסוך צווישען אונז וועט ציהען נאך זיך דעם פולען נצחון פון דעם דעספאטיזם אויף ביידע זייטען פון דעם רהיין... ארבעטער פון אלע לענדער! וואס עס זאל ניט ארויסקומען פון אונזער בשותפות׳דיגער ארבעט אין דעם איצטיגען מאמענט — מיר מיטגלידער פון דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־אסאציאציע שיקען אייך, אלס משכון פון אונזער אחדות, די גרוסען און צוואונשונגען פון די פראנצויזישע ארבעטער!”

נאך דעם דאזיגען מאניפעסט פון אונזערע פאריזער סעקציעס זיינען ארויסגעקומען א סך אנדערע פראנצויזישע אדרעסען, פון וועלכע מיר קענען ברייגען נאר איין איינציגע — די דערקלערונג פון Neuilly sur Seine, וועלכע איז געווען פובליצירט אין דער „מארסעליעז” פון דעם 22. יולי: „איז די מלחמה א גערעכטע? ניין! איז די מלחמה א נאציאנאלע? ניין! דאס איז לחלוטין א דינאסטישע מלחמה. אין דעם נאמען פון דעם יושר, אין דעם נאמען פון דער דעמאקראטיע, און פון די אמת׳ע אינטערעסען פראנקרייכ׳ס זיינען מיר מסכים אינגאנצען מיט די פראטעסטען פון דעם אינטערנאציאנאל געגען דער מלחמה”.

אין די דאזיגע פראטעסטען האבען זיך ארויסגעדריקט די אמת׳ע געפיהל׳ען פון די פראנצויזישע ארבעטער; און עס האט זיך געטראפען א מעשה, וואס האט עס קלאר באוויזען; בעת די באנדע, וואס איז געווען ארגאניזירט אונטער דער פיהרונג פון לואי

באַנאַפּאַרט, דעם 19. דעצעמבער איז ארויס אויס'ן נאָמ פאַרשטעלט אלס ארבעטער כּדי צו דערהיצען דורך זייערע ווילדע טענץ דעם חשק צו מלחמה, האבען די אמת'ע ארבעטער געענטפערט דערויף מיט גרויסע דעמאנסטראציעס פאַר'ן שלום. אַזוי אַז דער פּאָליציי־מייסטער פּיעטרי האָט געפונען פאַר נויטיג צו מאַכען אַ סוף צו דער דאַזיגער גאַנצער גאָס־פּאָליטיק מיט דעם אויסרעד, אַז דאָס געטרייע פראַנצויזישע פאָלק האָט שוין גענוג ארויסגעוויזען זיין ענטוזיאזם פאַר דער מלחמה. ווי עס זאל זיך ניט פאַר־ענדיגען די מלחמה צווישען לואי באַנאַפּאַרט און פּריסען, אָבער די צווייטע קיסר־מלוכה האט שוין אויסגעשפּילט. עס וועט זיך פאַרענדיגען, אַזוי ווי עס האט זיך אנגעהויבען: מיט א פּאַראָדיע. אָבער מיר דאַרפען ניט פאַרגעסען אַז דערין, אַז די מלוכות און די הערשענדיגע קלאסען פון איראָפּע האבען געגעבען לואי באנאפארט די מעגליכקייט צו שפּילען די קאָמעדיע פון דער צווייטער קיסר־מלוכה אין א משך פון אכצעהן יאָהר. מצד דייטשלאַנד איז די מלחמה אַ פאַרטיידיגונגס־מלחמה. אבער ווער האט דען דייטשלאַנד געצוואונגען זיך צו פאַרטיידיגען? ווער האט לואי באַנאַפּאַרט געגעבען די מעגליכקייט צו פיהרען אַ מלחמה געגען דייטשלאַנד? פּריסען! ביסמארק איז דאָס געווען, וועלכער האט געמאכט יד־אחת מיט לואי נאַפּאָלעאָן, כּדי צו צו־שלאגען ביי זיך אין דער היים אַ פאָלקסטימליכע אָפּאָזיציע, און צוצובינדען גאַנץ דייטשלאַנד צו דער דינאַסטיע פון האָהענצאָלערן. אַז דער קאַמף ביי סאַדאָווא וואָלט פאַרלוירען געגאנגען אַנשטאָט געוואונען צו ווערען, וואָלטען פראַנצויזישע חיילות פאַר־פלייצט דייטשלאַנד אלס פאַרבינדעטע פון פּריסען. האט דען פּריסען אפילו איין מינוט געטראכט וועגען דעם אָוועקשטעלען אַ פרייען דייטשלאַנד געגען דעם פאַרשקלאַפּטען פראַנקרייך? גראַד דער היפּך דערפון! עס האט זיך געהאלטען ווייטער פאַר אַלע צירונגען פאַר זיין פריהערדיגען סיסטעם און האָט נאָך מוסיף געווען דערצו אַלע שפּיצלעך פון דער צווייטער קיסר־מלוכה: די כּלומר'שטיגע דעספּאָטיע און דעם אמת'ן דעספּאָטיזם, די פּאָליטישע אחיזת עינים און דעם פינאַנציעלען שווינדעל, די הויכע פראַזעס און די געמיינע פאָקוסען, דער באַנאַפּאַרטיסטישער סיסטעם, וועלכער האָט ביז אַהערצו געבליהט אויף איין זייט פון דעם רהיין, איז איצט פאַרפלאַנצט געוואָרען אויף דער לינקער זייט פון דעם רהיין. וואס אנדעריש האָט געקאָנט ארויסקוקען פון אַזאַ מין מצב, ווען ניט די מלחמה?

אויב דער דייטשער ארבעטער־קלאַס וועט דערלאָזען, אַז די מלחמה זאל איבער־גיהן פון דער דעפענסיווע אין אַן אָפענסיווע געגען דעם פראַנצויזישען פאָלק, וועט זי פון דער גאַנצער מעשה האבען אַ שוואַרצען סוף, און עס וועט קיין נפקא־מינה ניט זיין, צי דייטשלאַנד וועט אויספיהרען צי ניט. עס וועט ווידער אַ־מאָל געבען אין א פאַר־שטאַרקטען מאָס דער גאַנצער אומגליק, וואס איז ארויסגעפאַלען אויף פראַנקרייך נאָך די אַזוי אנגערופענע באַפרייאונגס־מלחמות.

אָבער די פּרינציפּען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל זיינען צו טיף פאַרוואָרצעלט אין דעם דייטשען ארבעטער־קלאַס, און מיר האָבען ניט וואס מורא צו האבען פאַר אַזאַ מין טרויעריגען סוף. די שטימע פון דעם פראַנצויזישען ארבעטער־קלאַס האט געפונען א ווידערקול ביי דעם דייטשען. אַן ארבעטער פאַרזאַמלונג אין בראונשווייג האט זיך דערקלערט דעם 16. יולי סאָלידאַריש מיט דעם פּאַריזער מאַניפעסט, האט אבגעוואָרפען

פון זיך דעם געדאנק וועגען א נאציאָנאלער סתירה בנוגע צו פראנקרייך און האט אנגענומען באַשלוסען און וועלכע עס ווערט אט וואס געזאגט:

„מיר זיינען געגען אלע מלחמות און בפרט נאָך דינאסטישע... מיט אַ צובראָכענער הארץ זעהען מיר, ווי מיר זיינען געצוואונגען אנצוהויבען אַ פארטיידיגונגס־מלחמה, וואס איז פאר אונז אַ אומפארמיידליכע צרה; אבער אין דער אייגענער צייט זאגען מיר צום גאנצען דענקענדיגען ארבעטער־קלאס, אז די פעלקער אליין מוזען האבען די מאכט, אז זיי אליין האבען צו זאגען זייער ווארט אין דער פראגע פון שלום און מלחמה, אז זיי אליין דארפען נעהמען זייער גורל אין די אייגענע הענד. און אז דאס וועט געשעהן וועט שוין ניט מעגליך זיין נאָך אזא מין קאלאסאלער סאציאלער אומגליק".

אין כעמיניץ האט א פארזאמלונג פון פארטרויאונגס־מענער, פארטרעטענדיג 50000 זעקסישע ארבעטער, אנגענומען איינשטימיג אָט דעם דאָזיגען באשלוס: „אין דעם נאמען פון דער דייטשער דעמאָקראטיע און באזונדער פון די ארבעטער פון דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטיי דערקלערען מיר, אז די איצטיגע מלחמה איז לחלוטין אַ דינאסטישע. מיט פארגעניגען נעמען מיר די ברודער־האנד, וועלכע די פראנצויזישע ארבעטער שטרעקען אונז אויס. געדענקענדיג דעם לאָזונג פון דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־אסאָציאציע: פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך"!, וועלען מיר קיינמאל ניט פארגעסען אן דעריין, אז די ארבעטער פון אלע לענדער זיינען אונזערע פריינד און אז די דעספאטען פֿון אלע לענדער זיינען אונזערע שונאים.

די בערלינער סעקציע פון דעם אינטערנאציאנאל האט זיך אויך אבגערופען אויף דעם פאריזער מאניפעסט: „מיר זיינען מסכים מיט אייער פראטעסט פון גאנצען הארצען און זיינען גרייט דערפאר צו ארבעטען . . . מיר זאָגען צו הייליג, אז קיין זאך, ניט א נצחון און ניט א מפלה, וועלען אונז אראָבברענגען פון אונזערע בשותפות׳דיגער ארבעט — דער פאראייניגונג פון די ארבעטער אין אלע לענדער".

די מאוים׳דיגע געשטאלט פון רוסלאנד האט געלויערט הינטער דעם דאזיגען זעלבסט־מערדערישען קאמף. עס איז א שלעכטער סימן, אז דער צייכען צו דער מלחמה איז געגעבען געווארען אין אַ מאָמענט, ווען רוסלאנד האט פארענדיגט זיינע סטראטעגישע אייזענבאהנען און האט אנגעזאמעלט חיילות אין דער ריכטונג צום פרוט. די דייטשען קענען בודאי רעכענען אויף סימפאטיע אין זייער פארטיידיגונגס־מלחמה געגען דעם באנאפארטיסטישען אנפאל; אבער די דאָזיגע סימפאטיעס וועלען זיי תיכף פארלירען, ווי נאר זיי וועלען ערלויבען דער דייטשער רעגירונג, אז זי זאָל רופען צו הילף די קאָזאקען. דייטשלאנד דארף פארגעסען אן דעריין, אז נאך זיינע מלחמות קעגען נאפאָלעאן דעם ערשטען, איז עס געלעגען אין א משך פון צעהנדליגער יאהרען ביי די פיס פֿון דעם רוסישען צאר. די ענגלישע ארבעטער געהען צוזאמען מיט די פֿראנצויזישע און די דייטשע ארבעטער. דער ענגלישער ארבעטער־קלאס איז בטוח, אז ווי די מלחמה זאל זיך ניט פארענדיגען, וועט די פאראייניגונג פון אלע ארבעטער אויסווארצלען די מלחמה. בעת דאס אָפֿיציעלע פראנקרייך און דאס אָפֿיציעלע דייטשלאנד ווארפען זיך אריין אין א קריג, גיבען זיך די ארבעטער פון דיביידע לענדער די האנד, אלס א סימן פֿון פֿריינדשאפט. דער דאזיגער פאקט, וואס האט קיין גלייכען צו זיך ניט אין דער ביז אהעריגער געשיכטע, עפענט

אנ'אויסזיכט אויף בעסערע צייטען. ער באווייזט, אז אין דעם שויס פון דער אלטער געזעלשאפט מיט איהרע פאליטישע משוגעת'ן און איהר עקאנאמישער נויט ווערט געבוירען א נייע געזעלשאפט, וואס איהר לאזונג וועט זיין שלום, ווייל ביי איטליכער נאציע געוועלטיגט איין פרינציפ — ארבעט! די אנזאגערין פון דער דאזיגער געזעלשאפט איז די אינטערנאציאנאלע ארבעטער־פאראייניגונג.

לאנדאן, 23. יולי 1870.

II.

דער צווייטער אדרעס פונ'ם גענעראל־ראט וועגען דער דייטש־פראנצויזישער מלחמה.

אין אונזער ערשטען מאניפעסט האבען מיר געזאגט:

„אין פאריז האט שוין געשלאגען די לעצטע שעה פון דער צווייטער אימפעריע. עס וועט זיך פארענדיגען אזוי ווי עס האט זיך אנגעהויבען: מיט א פאראדיע. אבער מיר דארפען נים פארגעסען אן דערין, אז די מלוכות און די הערשענדיגע קלאסען פון אייראפע האבען געגעבען לואי באנאפארט די מעגליכקייט צו שפילען די קאמעדיע אכצעהן יאהר".

אזוי, אז איידער עס האט זיך אנגעהויבען די מלחמה, האבען מיר שוין באטראכט נאפאלעאנ'ס זייפען־בלאז פאר א זאך פון דעם עבר. מיר האבען זיך גאר נים אפגענארט אין דער לעבענס־פעהיגקייט פון דער צווייטער אימפעריע. מיר זיינען גערעכט געבליבען אויך דעמאלט, ווען מיר האבען געזאגט, אז עס איז דא א סכנה, אז די מלחמה מצד דייטשלאנד „זאל פארלירען איהר שטרענג דעפענזיווען כאראקטער און זאל מגולגל ווערען אין א מלחמה געגען דעם פראנצויזישען פאלק". דער סוף פון דער פארטיידיגונגס־מלחמה האט זיך אויסגעלאזען מיט לואי נאפאלעאנ'ס הכנעה, מיט דער קאפיטולאציע ביי סעדאן און מיט אויסרופען די רעפובליק אין פאריז. אבער נאך איידער דאס אלץ איז געשעהן האט שוין די פרייסישע מיליטער־קאמאריליע פעסט באשלאסען צו פארנעהמען פראנקרייך, מחמת זי האט געזעהן, אז דער גאנצער באנאפארטיסטישער בלייזן איז דורך און דורך צופוילט. אויף איהר וועג אבער איז געלעגען א שרעקליכע מניעה. די דערקלערונג וואס עס האט געגעבען אליין דער קעניג ווילהעלם אין אנהויב פון דער מלחמה. אין א טראן־רעדע צום צפון־דייטשען רייכסטאג האט ער דערקלערט, אז די מלחמה וועט ער פיהרען נאר געגען דעם פראנצויזישען קיסר און נים געגען דעם פראנצויזישען פאלק. דעם 11. אויגוסט האט ער ארויסגעלאזען א מאניפעסט צום פראנצויזישען פאלק בזה הלשון: „דער קיסר נאפאלעאן איז אנגעפאלען אויף דער דייטשער נאציע, וואס וויל און האט תמיד געוואלט לעבען בשלום מיט דעם פראנצויזישען פאלק; איך האב איבערגענומען דעם באפעהל איבער דער דייטשער ארמעע, כדי אפצושלאגען דעם דאזיגען אנפאל. איך בין צוליב מיליטערישע געשעהענישען געצוואונגען געווען איבערצוגעהן די פראנצויזישע גרענעצען". לא די וואס ער האט ערקלערט, אז די

מלחמה טראָגט „אַ ריין דעפענזיווען כאַראַקטער.״ און אז ער האט איבערגענומען דעם באַפעהל איבער די דייטשע אַרמעען נאר „כדי אפצושלאגען דעם אנפאל״, האט ער נאך מוסיף געווען, אַז בלויז „צוליב מיליטערישע געשעהענישען איז ער געצוואונגען איבער־צוגעהן דעם פראנצויזישען גרענעץ״. פאַרשטעהט זיך, אין א פערטיידיגונגס־מלחמה באַ־נוצט מען אויך אנגריפס־מיטלען, וועלכע זיינען דיקטירט פון „מיליטערישע געשעהענישען״.

אַט אזוי האט זיך דער נאטפארכטיגער קעניג מתחייב געווען פאר פראַנקרייך און פאר דער גאנצער וועלט צו פיהרען אַ דורכאויס דעפענזיווע מלחמה. טאָ ווי אזוי באַפרייט מען איהם פון דער דאזיגער הבטחה? די בינעדרעזשיסאָרען האבען איהם געמוזט אויסמאָלען, ווי ער גיט נאך כלומר'שט בעל כרחה די פאָדערונגען פון דער דייטשער נאציע; אין מויל פון דעם ליבעראלען דייטשען מיטעל־קלאַס מיט זיינע פראָ־פעסארען, קאפיטאליסטען, שטאדט־דעפוטאטען און צייטונגס־לייט האבען זיי אריינגעלעגט די מאָראַלע. דער דאזיגער מיטעל־קלאַס, וואס האט אין זיינע קאמפען פאר דער בירגערליכער פרייהייט פון 1846—1870 באוויזען דעם משל פון וואקלונגען, אומאָפּ־הענגיגקייט און פחדנות, האט איצט שטארק געכאפּט התפעלות פון דעם ווי אזוי ער וועט ארויפגעהן אויף דער אייראפּעאישער סצענע אלס דער לייב סונ'ם דייטשען פאטריאטיזם, ראַוועוענדיג הויך אויפ'ן קול. ער האט זיך כלומר'שט געמאכט אומאָפּ־הענגיג פון דער מלוכה, כדי צו קענען מאַכען דעם אנשטעל, אז ער צווינגט די פרייסישע רעגירונג צו — וואס? דערפילען די געהיימע פלענער פון דער דאזיגער רעגירונג. ער האט בקול רם געפאדערט, אז די פראנצויזישע רעפובליק זאל געטיילט ווערען, און אויף אזא שטייגער האט ער זיך געשלאגען על חטא פאר זיין יאהרען־לאנגען כמעט רעליגיעזען גלויבען אין דעריין, אז אויף לואי באנאפארט איז ניטאָ קיין סנם. אַט לאָמיר זיך אויף אַ רגע צוהערען צו די תירוצים פון די קרעפטיגע פאטריאטען, צו יענע תירוצים, וואס לעגען זיך אויפ'ן שכל.

זיי האבען זיך ניט דערוועקט צו זאגען, אז דאס פאלק פון עלזאַס־לאָטרינגען חלש'ט אריינפאלען אין דייטשע אָרעמס; גראָד פאַרקעהרט. כדי צו באשטראָפען דעם פראנצויזישען פאטריאָטיזם פון דער דאזיגער געגענד האט מען זעקס טעג נאָכאנאנד באָרבאַריש און אָהן קיין שום ציל באשאָסען פון „דייטשע״ האַרמאטען שטראסבורג, א פעסטונג, וואס איז באהערשט פון אַ זעלבסשטענדיגען פאָרט, דערביי האט מען די שטאָדט נאך אונטערגעצונדען און עס זיינען דער'הרג'עט געווארען אַ סך איינוואָהנער. יאָ, די טעריטאָריע פון די דאזיגע פראווינצען האבען אמאָל געהערט דער שוין לאנג אָפּגעשטאָרבענער דייטשער מלוכה. און דערפון איז געדרונגען, אז די ערד פון דער געגענד און די מענשען, וואס זיינען דארטען אויסגעוואקסען, דארפען קאנפיסקירט ווערען אלס אַנ'איינענטום, אויף וועלכען דייטשלאנד האט אַ שטענדיגע חזקה. זאל מען צו־טרעטען איבעראַרבעטען די קארטע פון אייראָפּע לויט דעם היסטאָרישען רעכט, טאָר מען בשום אופן ניט פארגעסען, אז דער בראנדענבורגער קורפירשט איז אמאָליגע יאָהרען צוליב זיינע פרייסישע נחלאות, געווען אַ וואסאל פון דער פוילישער רעפובליק.

די כיטרע פאטריאטען האבען געפאדערט עלזאס און דייטש־לאטרינגען, אלס אַ „מאטעריעלע גאראנטיע״ געגען פראנצויזישע אנפאלען. לאָמיר זיך טאקי נאָהענטער צוקוקען צו דעם תירוץ. וועלכער האט פארדרעהט די שוואַכע קעפּ פון אַ סך מענשען.

עס איז אָהן קיין שום ספק, אז די גאנצע לאגע פון עלזאס צוזאמען מיט דעם אנמקעגענדיגען רהיין־ברעג אין מיט דער גרויסער פעסטונג שטראסבורג, וואס איז געלעגען אויס'ן האלבען וועג צווישען באזעל און גערמערסהיים, האט שטענדיג געגעבען פראנקרייך די מעגליכקייט אנפאלען אויף דרום־דייטשלאנד און אין דער אייגענער צייט געמאכט גרויסע שוועריגקייטען פאר אזא מין אנפאל מצד דרום־דייטשלאנד. מען קען ווייטער ניט מסופק זיין אין דעם, אז אויב דייטשלאנד אנעקטירט עלזאס אין דייטש־לאטרינגען באקומט דרום־דייטשלאנד אַ באדייטיג שטארקערע גרענעץ; זי באקומט דעמאלט די ממשלה איבער דער גאנצער לענג פון די וואגעזען און די פעסטונגען, וואס שיצען די צפון'דיגע דורכגאנגען אין די בערג. אנעקטירט מען אויך מעץ, דאן פארלירט פראנקרייך אויף אַ רגע די צוויי וויכטיגסטע אפעראציע־באזען געגען דייטשלאנד, אבער דאס וועט איהר ניט אפהאלטען פון אויפבויען נייע פעסטונגען ביי נאנסי און ווערדען. אין רשות פון דייטשלאנד איז געשטאנען קאבלענץ, מאינץ, גערמערסהיים, ראשטאט און אולם, אלץ אפעראציע־באזעס געגען פראנקרייך, וועלכע זי האט שטארק אויסגענוצט בעת דער מלחמה; טאָ מיט וואס פאר אַ פראווע האט מען געקענט ניט פארגינען די פראנצויזען מעץ און שטראסבורג, די איינציגע צוויי באדייטענדיגע פעסטונגען, וואס זיי האבען געהאט אין יענע געגענד?

א חוץ דעם איז שטראסבורג געווען א סכנה פאר דרום־דייטשלאנד אזוי לאנג ווי עס איז געווען אפגעטיילט פון צפון־דייטשלאנד. פון 1792 ביז 1795 האט פראנקרייך ניט ארונטערגעטרעטען אין דער געגענד אנטקעגען דרום־דייטשלאנד, מחמת די פרייסען האבען אנטייל גענומען אין דעם קאמף געגען דער פראנצויזישער רעוואלוציע; קוים אבער האט פרייסען געשלאסען א סעפאראטען שלום און האט איבערגעלאזען דעם דרום אויף זיך אליין, האט פראנקרייך אָנגעהויבען אנצופאלען אויף דרום־דייטשלאנד, און דערביי האט שטראסבורג געדינט פאר דער אָפעראציע־באזע. די דאזיגע אנפאלען האבען געדויערט ביז 1809. באמת'ן איז שטראסבורג און יעדער פראנצויזישער ארמעע אין עלזאס ניט קיין סכנה פאר א פאראייניגטען דייטשלאנד, ווען די דייטשען קאנ־צענטרירען אלע זייערע חיילות צווישען סארלואי און לאנדוי, ווי דאס איז געשעהן אין דער מלחמה, און טרעטען ארויס, אדער נעהמען אויף א קאמף אויף דעם וועג פון מיינץ קיין מעץ. כל זמן עס שטעהט דארטען דאס רוב פון דער דייטשער ארמעע שטעהט א סכנה פאר יעדע ארמעע וואס וויל אריין פון שטראסבורג קיין דרום־דייטש־לאנד. אויב די איצטיגע מלחמה האט עפּעס יאָ באוויזען, איז דאס מעהר ניט ווי דאס, ווי גרינג עס איז אנצוגרייפען פראנקרייך מצד דייטשלאנד.

אָבער עהרליך גערעדט, איז דאס ניט קיין אבסורד און אנאכראָניזם, ווען מען וויל מאַכען מיליטערישע טעמים פאר פרינציפען, אויף וועלכע עס דארפען געבויט ווערען די נאציאָנאלע גרענעצען? זאלען מיר געהן מיט אָט דעם וועג, וועלען מיר דארפען אויס־הערען עסטרייך'ס טענות, וועלכע וועט פאדערען ווענעציע און די מינציאָ־ליניע, פראנקרייך וועט טענ'ען, אז זי וויל די רהיין־ליניע, כדי צו שיצען פאריז, וועלכער דארף זיך מעהר היטען פאר אנ'אנפאל מצד צפון־מזרח, ווי בערלין מצד דרום־מערב. אז די מיליטערישע אינטערעסען זאלען באשטימען די גרענעצען, וועט קיין מאל ניט נעהמען א סוף צו די טענות, ווייל יעדער מיליטערישע ליניע מוז האבען א שפיקעל

פנים און קען פארבעסערט ווערען דורך ווייטערדיגע אנעקסיעס. ועל כולם וועט מען ניט קענען באשטימען אזא יושר׳דיגע שטענדיגע גרענעץ, ווייל זי וועט ארויסגעצוואונגען דעם באזיגטען מצד דעם זיגער, און שוין דערפאר אליין טראגט זי אין זיך דעם קערענדעל פון א נייער מלחמה.

די געשיכטע לערנט אונז: מיט נאציעס איז פונקט אזוי ווי מיט יחידים. מען מוז ביי זיי אוועקנעהמען אלע מיטלען פון פארטיידיגונג, כדי זיי זאלען ניט האבען די מעגליכקייט פאר אן׳אנפאל. עס איז ווייניג אנצונעהמען זיי פאר דער גרגרת, מען מוז זיי דער׳הרג׳ענען. אויב א זיגער האט ווען עס איז גענומען „מאטעריעלע גאראנטיעס", איז עס געווען נאפאלעאן I מיט זיין טילזיטער אפמאך און מיט דעם אופן ווי ער האט איהם דורכגעפיהרט לגבי פרייסען און גאנץ דייטשלאנד; און פון דעסטוועגען מיט א פאר יאהר שפעטער איז זיין גאנצע מורא׳דיגע מאכט געלעגען פאר דעם דייטשען פאלק כחרס הנשבר. און וואס פאר א באטרעף האבען די „מאטעריעלע גאראנטיעס", וועלכע פרייסען וויל — אפט אין זיינע ווילדעסטע חלומות — ארויסלעגען אויף פראנקרייך אינ׳ם פארגלייך מיט יענע, וואס נאפאלעאן I האט ארויסגעלעגט? און היינט וועט די מעשה האבען דעם זעלבען ביטערען סוף. די געשיכטע וועט מעסטען דעם שכר ניט נאך דער צאהל פון די קוואדראט־מיילען, וואס מען האט אפגעריסען פון פראנקרייך, נאר נאך דעם גרויס פון דעם פארברעך, וואס מען האט אפגעטהאן, איינפיהרענדיג אין דעם צווייטען העלפט פונ׳ם 19. יאהרהונדערט ווידער א מאל די די פאליטיק פון פארכאפען.

די מנהיגים פונ׳ם דייטשען פאטריאטיזם זאגען: אבער איהר טאר׳ט דאך ניט פארבייטען די דייטשען מיט די פראנצויזען. מיר יאגען זיך ניט נאך העלדישקייט, מיר ווילען נאר אונזער זיכערקייט. די דייטשען זיינען דאך אין תוך אריין א פאלק, וואס האט ליב מנוחה. אין דעם טייל פון די קלוגע אפטרופסים ווערט אפילו פארנעהמען מגולגל פון א סבה פאר צוקונפטיגע מלחמות אין א ערבות פאר׳ן אייביגען שלום. פארשטעהט זיך, ניט דייטשלאנד איז עס געווען, וואס איז אין 1792 אנגעפאלען אויף פראנקרייך מיט דעם הויכען ציל צו דערשטיקען מיט באגנעטען די רעוואלוציע פונ׳ם 18. יאהר־הונדערט! ניט דייטשלאנד איז עס געווען, וואס האט פארפאטשקעט איהרע הענד ביי אונטערדריקען איטאליען און אונגארען און צוטיילען פוילען? די מיליטערישע סיסטעם פון דייטשלאנד צוטיילט די גאנצע געזונדע מאנזביליגע באפעלקערונג פונ׳ם לאנד אויף צוויי חלקים: אין א שטענדיגער ארמעע, וואס טראגט איהר דינסט, און אין א שטענדיגער ארמעע, וואס איז אין רעזערוו — ביידע אבער מוזען פאלגען זייערע אדונים פון גאט׳ס גנאד. אזא מיליטערישע סיסטעם איז, פארשטעהט זיך, א „מאטער־יעלע גאראנטיע" פאר דעם שלום אויף דער וועלט און א חוץ דעם דער העכסטער ציל פון דער ציוויליזאציע! די הויף־לייט פון דער איצטיגער ממשלה פאר׳סמ׳ען אין דייטשלאנד, ווי אומעטום, די געזעלשאפטליכע מיינונג מיט דעם רויך פון קטורת אין ליגנערישען בארימעריי.

זיי פלעגען כלומר׳שט אויסגעבראכט ווערען, אז זיי פלעגען א קוק טהאן אויף די פראנצויזישע פעסטונגען שטראסבורג און מעץ — די דאזיגע דייטשע פאטריאטען — אבער, אז מאסקווע האט אויפגעשטעלט א קאלאסאלען סיסטעם פון פעסטונגען: ווארשע,

פּאָדלין און איוואַנגאָראָד, האָבן זיי אין דעם קיין עולה ניט געזעהן. זיי האָבן גע־ציטערט פאַר באָנאַפּאַרטיסטישע אַנפאַלן און צוגעמאַכט די אויגן פאַר דער שאַנדע פון דער צאַרישער באַשיצונג־ממשלה.

אין 1780 יאָהר האָבן זיך אָנגעהויבן צו פיהרען שמועסן צווישען גאָרטשאַקאָוו און ביסמאַרק'ען, פּונקט אַזוי ווי אין 1865 יאָהר צווישען לאָוי באָנאַפּאַרט און ביסמאַרק. אין 1866 האָט לאָוי באָנאַפּאַרט מיט אַ שטילער צופרידענהייט געוואַרט, אַז די מלחמה וועט אויסציהען די כחות אי ביי עסטרייך און ער וועט דערווייל ווערען דער שופט איבער דייטשלאַנד. אין 1870 האָט פּונקט אַזוי געמיינט אַלעקסאַנדער, אַז די מלחמה וועט אויסמאַטערן דייטשלאַנד און פראַנקרייך, און ער וועט ווערען דער העכסטער שופט איבער דעם אייראָפּעאישען מערב. פּונקט ווי די צווייטע קיסר־מלוכה האָט ניט געקענט פאַראייניגען איהר קיום מיט דעם צפון־דייטשען בונד, פּונקט אַזוי האָט דאָס אויטאָקראַטישע רוסלאַנד געמיינט, אַז עס איז דאָ אַ סכנה מצד אַ דייטשער מלוכה אונטער דער הנהגה פון פּרייסען. דאָס איז דער געזעץ פון'ם אַלטען פּאָליטישען סיסטעם: וואָס עס געווינט איינער איז דער היזק פון'ם אַנדערן. די שטאַרקע השפּעה, וואָס דער צאַר האָט געהאַט אויף אייראָפּע, איז געלעגען אין זיין טראַדיציאָנעלער איבערהערשאַפט איבער דייטשלאַנד. האָט דער צאַר געקענט אָפּשוואַכען זיינע פּאָזיציעס לגבי דעם אויסלאַנד אין דער צייט, ווען די וואָלקאַנישע סאָציאַלע כחות אין רוסלאַנד האָבן געהאַלטען ביי אַ טרייסעל טהאָן די טיפסטע יסודות פון זעלבסטהערשאַפט? די מאָסקווער ציימונגען רעדען שוין מיט דער שפּראַך פון די באָנאַפּאַרטיסטישע ציימונגען פון נאָך דער מלחמה פון 1866. און די דייטשע נאַציאָנאַליסטען גלויבען טאַקע באמת, אַז דייטשלאַנד'ס שלום און פרייהייט איז געזיכערט אויב זיי וועלען שטויסען פראַנקרייך אין רוסלאַנד'ס אָרעמס? וועט דייטשלאַנד, געטריבען פון דער מלחמה־הצלחה, פון דער גאוה פון נצחון און פון דינאַסטישע אינטריגעס, אָנהויבען צו רויבען פראַנצויזישע טעריטאָריע, וועלען פאַר איהם זיין נאָר צוויי וועגען: אָדער דייטשלאַנד וועט מוזען ווערען אַ אָפענער קנעכט פון דער רוסישער פאַרגרעסערונג־פּאָליטיק, אָדער עס וועט מוזען נאָך אַ קורצער מנוחה־צייט ווידער גרייטען זיך צו אַ נייער „דעפענזיווער“־מלחמה, דאָס מאָל ניט צו איינער פון די ניי געבאַקענע „לאָקאַליזירטע“ מלחמות, נאָר צו אַ ראַסען־קריג געגען די סלאַווען און ראָמאַנען, וואָס האָבן געשלאָסען אַ בונד.

דער דייטשער אַרבעטער־קלאַס איז ניט געווען בכח ניט צו דערלאָזען צו דער מלחמה, און ער האָט איהר אונטערגעשטיצט, ווי די מלחמה פאַר דייטשלאַנד'ס אומ־אָפּהענגיגקייט און פאַר דער באַפרייאונג פון גאַנץ דייטשלאַנד און אייראָפּע פון'ם יאָך פון דער צווייטער קיסר־מלוכה. דייטשע אינדוסטריע־ און דאָרף־אַרבעטער האָבן געלאָזען אין דער היים זייערע האַלב־הונגעריגע משפּחות און אַליין געטראָגען זייער חשק און כח אין די דייטשע חיילות. אַ צעהנטל־חלק האָבן זיי געלאָזען אויף די שלאַכט־פעלדער אין אויסלאַנד, אַ צעהנטל־חלק איז אויסגעגאַנגען פאַר הונגער אין דער היים. די דייטשע אַרבעטער האָבן פון זייער צד פאַרלאַנגט „גאַראַנטיעס“, גאַראַנטיעס, כדי עס זאָלען ניט לחינם ליגען די קרבנות אויף די פעלדער, כדי עס זאָל ניט מגולגל ווערען אין אַ מפּלה פאַר דעם דייטשען פאָלק, ווי דאָס איז געווען אין'ם 1815, די פרייהייט, וואָס זיי האָבן געקריגען, און די נצחונות. וועלכע זיי האָבן אָפּגעהאַלטען איבער די

באנאפארטיסטישע היילות. און די ערשטע גאראנטיע, וואס זיי האבן געפאדערט, איז געווען „א בכבוד'יגער שלום מיט פראנקרייך" און „די אנערקענונג פון דער פראנצויזישער רעפובליק".

דער צענטראל־קאמיטעט פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטישער ארבעטער־פארטיי האט ארויסגעלאזן דעם 5. אקטאבער א פראקלאמאציע, אין וועלכער ער האט ענערגיש געפאדערט די גאראנטיעס. אין דער פראקלאמאציע ווערט געזאגט: „מיר פראטעסטירן געגן דער אנעקסיע פון עלזאס־לאטרינגען. מיר ווייסן גאנץ גוט, אז מיר רעדן אינ'ם נאמען פונ'ם דייטשן ארבעטער־קלאס. די דייטשע ארבעטער וועלן ניט קאלטבלוטיג איבערטראגן די אנעקסיע פון עלזאס־לאטרינגען, ווייל עס שטעהן אין א סכנה די בשותפות'דיגע אינטערעסן פון דייטשלאנד און פראנקרייך, דער שלום און די פרייהייט, און ווייל אויף דער מערב'דיגער קולטור רוקט זיך אן דער בארבאריזם פונ'ם מזרח . . . מיר וועלן בלייבן געטריי צו אונזערע פראלעטארישע חברים פון אלע לענדער און קעמפן פאר אונזער בשותפות'דיגער אינטערנאציאנאלער זאך פונ'ם פראלעטאריאט!".

אבער צום אומגליק קענען מיר ניט רעכענען אויף זייער תיכף'דיגן נצחון. די פראנצויזישע ארבעטער זיינען דאך ניט געווען אין שלום־צייט ביכולת אפצושטעלן דעם שונא, וואס איז אנגעפאלן אויף איהם. היינט וועט זיך איינגעבן די דייטשע ארבעטער איינצוהאלטן דעם זיגער אין דער סאמער הייסער צייט, ווען עס קלינגט נאך דער כלי־זין? די פראקלאמאציע פון די דייטשע ארבעטער האט געפאדערט, אז לזאי באנאפארט זאל ווי א פראסטער פארברעכער איבערגעגעבן ווערן אין די הענד פון דער פראנצויזישער רעפובליק. זייערע הערשער אבער האבן זיך שטארק געסטארעט ווידער אוועקצוזעצן איהם אין די טוליערי, מחמת דאס איז געווען דער בעסטער מענש, וועלכער האט געקענט חרוב מאכן פראנקרייך. וואס עס זאל מיט איהם ניט זיין, אבער די געשיכטע וועט באווייזן, אז דער דייטשער ארבעטער איז ניט געקנאטן פון דעם זעלביגען בויגעוודיגן מאטעריאל, וואס דער דייטשער מיטעל־קלאס. די דייטשע ארבעטער וועלן דערפילען זייער חוב.

פונקט אזוי ווי זיי, באגריסען מיר די שאפונג פון דער רעפובליק, אבער אין דער איינענער צייט פלאגן מיר זיך מיט דאגות, וועלכע, ווי מיר האפען, וועלען זיך ארויסווייזן פאר פוסטע. די רעפובליק האט ניט אראפגעווארפען דעם כסא־המלכות, נאר האט פארנומען זיין פוסטען ארט. מען האט איהר אויסגערופען אלס א נאציאנאלען פארטיידיגונגס־מיטעל און ניט אלס סאציאלען נצחון. איהר צייטווייליגע רעגירונג באשטעהט פון באקאנטע ארלעאניסטען און בורזשוא־רעפובליקאנער, אויף וועלכע דער יוני־אויפשטאנד פון 1840 האט געלאזן אנ'איביגען פלעק. גוץ פון דער פארטיילונג פון ארבעט צווישען די מיטגלידער פון יענער רעגירונג האט מען ווייניג וואס געקענט דערווארטען. די ארלעאניסטען האבען אריינגענומען צו זיך אין די הענד די שטארקע פאזיציעס — דעם חיל און די פאליציי — די כלומרש'דיגע רעפובליקאנער האבען באקומען די פלוידער־שטעלעס. פון די ערשטע מעשים פון דער רעגירונג האט מען שוין גאנץ קלאר געקענט ארויסזעהן, אז בירושה איז צו איהר איבערגעגאנגען ניט בלויז א הויפען חורבות, נאר אויך די מורא פאר דעם ארבעטער־קלאס. און אז די

רעגירונג זאגט היינט צו אין ברייטע דבורים זאכען, וואס זיינען אוממעגליך, טוט זי דאס אפשר ניט כדי ארויסצונארען דעם רוף נאך א „מעגליכע" רעגירונג? איז די רעפובליק פאר דער בורזשואזיע, וועלכע וואלט מיט חשק איהר באגראבען, ניט קיין איבערגאנג צו דער ארלעאניסטישער רעסטאווראציע?

די לאגע, אין וועלכע עס געפינט זיך דער פראנצויזישער ארבעטער־קלאס איז זעהר א שווערע. עס וואלט געווען א שרעקליכער שטות, ווען די ארבעטער וואלטען געפרובט אראפצוווארפען די איצטיגע רעגירונג אין דער צייט בעת דער שונא קלאפט אין די טויערן פון פאריז. די פראנצויזישע ארבעטער מוזען דערפילען זייער חוב אלס בירגער; אבער זיי טארען זיך ניט לאזען באהערשען פון די נאציאנאלע זכרונות פון 1792, פונקט ווי די פויערים האבען זיך געלאזט אפנארען דורך די נאציאנאלע זכרונות פון דער ערשטער אימפעריע. זיי טארען ניט איבער־חזר'ן דעם עבר, זיי מוזען בויען דעם עתיד. זאלען זיי רוהיג און פעסט אויסנוצען אלע מיטלען, וועלכע עס גיט זיי די רע־פובליקאנישע פרייהייט, כדי אויף פעסטע יסודות אויפצובויען די ארגאניזאציע פון זייער אייגענעם קלאס. דאס וועט זיי צוגעבען נייע הערקולעסישע כחות, כדי ווידער אויפצו־לעבען פראנקרייך און כדי צו קעמפען פאר אונזער בשותפות'דיגער אויפגאבע — פאר דער באפרייאונג פונ'ם פראלעטאריאט. דער גורל פון דער רעפובליק איז אפהענגיג פון זייער כח און חכמה.

די ענגלישע ארבעטער האבען אנגענומען טריט צו צווינגען זייער רעגירונג אנערקענען די פראנצויזישע רעפובליק. די היינטיגע שהיות פון דער ענגלישער רעגירונג, ווי אויך די פריהערדיגע האסטיגקייט, מיט וועלכע זי האט געגעבען איהר הסכמה צו דער מלוכה־איבערקעהרעניש, האבען דעם זעלביגען ציל צו פארגלעטען די אנטי־יאקאבינישע מלחמה פון 1792. א חוץ דעם פאדערן די ענגלישע ארבעטער, אז זייער רעגירונג זאל זיך מיט אלע כחות איינשטעלען געגען דער צוברעקלונג פון פראנקרייך, וואס עס האט אהן קיין שום חרפה און בושה געפאדערט א טייל פון דער ענגלישער פרעסע. דאס איז די זעלביגע פרעסע, וואס האט צוואנציג יאהר נאכאנאנד געהויבען לואי נאפא־לעאן אין הימעל אריין, אלס די געטליכע השגחה איבער אייראפע און וואס האט ווילד געפאטשט בראווא דער מרידה פון די אמעריקאנער שקלאפענהאלטער. היינט האלט זי ווידער פאר די שקלאפענהאלטער.

די סעקציעס פון דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־אסאציאציע אין אלע לענדער דארפען רופען די ארבעטער צו אנ'אקטיווער באוועגונג. טאמער פארגעסען די ארבעטער זייער חוב, וועט די היינטיגע מלחמה זיין נאר א אנזאגערקע פון שרעקליכע אינטער־נאציאנאלע קאמפען, און זי וועט דערפיהרען די ארבעטער פון יעדער לאנד צו נייע מפלות, מצד די מיליטער־לייט, פריצים און קאפיטאליסטען.

Vive la République!

לאנדאן, דעם 9. סעפטעמבער 1780.

דער אדרעס פון דעם גענעראל־ראט
וועגען דעם בירגער־קריג אינ'ם יאהר 1870.

בעת די פאריזער ארבעטער האבען דעם 4. סעפטעמבער 1870 אויסגערופען די רעפובליק, צו וועלכער גאנץ פראנקרייך האט אין דריזעלבער מינוט געגעבען זיין הסכמה מיט גרויס שמחה אהן איין איינציגער שטימע פון אומצופרידענקייט, האט א חברה פון אדוואקאטען אהן שטעלעס פארכאפט דעם ראטהויז פון שטאדט (האטעל דעוויל). מ'ער איז ביי זיי געווען דער שטאטסמאן און טראשי דער גענעראל. די דאזיגע פאר־שוינען האבען אזוי פעסט און פאנאטיש געגלויבט אין דערין, אז פאריז איז בטבע באשאפען געווארען צו פארטרעטען גאנץ פראנקרייך בכל עת צרה, אז זיי האבען גע־האלטען פאר גענוג צו ווייזען זייערע אבגעלאפענע מאנדאטען אלס דעפוטירטע פון פאריז, כדי יוצא צו זיין דערמיט אין די אויגען פון דעם פאריזער עולם, וואס זיי האבען זיך גענומען דעם טיטעל פון פראנקרייך'ס הערשער. אין אונזער צווייטען אדרעס וועגען דער לעצטער מלחמה, פינף טעג נאך זייער אויפקומען, האבען מיר אויך דערצעהלט, ווער עס זיינען געווען די דאזיגע פארשוינען. און פון דעסטוועגען האט פאריז רוהיג איבערגעטראגען אזא מין פארכאפעניש פון דער מלוכה־מאכט, ווייל דאס האט פאסירט אין דער ערשטער בהלה, בעת די אמת'ע פיהרער פון די ארבעטער זיינען געזעסען אין די געפענגענישען, און פרייסען איז געגאנגען אויף פאריז. אבער פאריז האט אויסגענומען א גפירושען תנאי, אז די דאזיגע מלוכה־מאכט זאל זיך שטעלען די אויפגאבע צו פאר־טיידיגען פראנקרייך. עס איז אבער געווען אוממעגליך פאריז צו פארטיידיגען, ניט באוואפענדיג דעם ארבעטער־קלאס און צו מאכען פון איהם אנ'אמת'ע קריגס־מאכט. אבער א באוואפענטער פאריז איז געווען א באוואפענטע רעוואלוציע. א נצחון פון פאריז איבער דעם פרייסישען אנגרייפער וואלט געווען א נצחון פון דעם פראנצויזישען ארבעטער איבער די פראנצויזישע קאפיטאליסטען מיט זייערע מלוכה־פאראזיטען. אין דער דאזיגער סתירה צווישען די נאציאנאלע התחייבות'ן און דעם קלאסען־אינטערעס האט די מלוכה פון דער נאציאנאלער פארטיידיגונג ניט געמאכט קיין שהיות און איז מגולגל געווארען אין א מלוכה פון נאציאנאלער בגידה.

דאס ערשטע, וואס זיי האבען געטהאן איז געווען אוועקצושיקען טיער'ען צו אלע הויפען פון אייראפע, כדי צו בעטען פון זיי א פארמיטלונג, זיי האבען פארגעשלאגען אויסצובייטען די רעפובליק אויף א קעניג. פיר חדשים נאך דער באלאגערונג פון פאריז, אז עס איז שוין געקומען די מינוט, וואו מען האט געמוזט רעדען פון קאפיטולאציע, האט זיך טראשי געווענדעט צו די פאריזער בירגערמייסטערס, און זשול פאוור איז גע־ווען דערביי, בזה הלשון:

„די ערשטע פראגע, וועלכע מיינע חברים האבען מיר פארגעלעגט נאך אין דעם זעלבינען אווענד פון דעם 4. סעפּטעמבער איז געווען די: צי קאן פאריז אויסהאלטען א באלאגערונג דורך דער פריסישער ארמעע מיט א האפנונג אויף ערפאלג? איך האב תיכף געזאגט, אז ניט. עטליכע פון מיינע חברים, וועלכע זיינען דא פארזאמעלט, וועלען עדות זאגען, אז איך האב אזוי געזאגט, און אז איך בין געבליבען ביי מיין מיינונג. איך האב זיי געזאגט בזה הלשון: „דער פרוב צו האלטען פאריז געגען א פריסישע באלאגערונג ביי אזעלכע אומשטענדען, וואלט געווען א נארישקייט. בלי ספק א העלדישע נארישקייט, אבער ביי דער העלדישקייט וואלט עס געבליבען. די פאסירונגען (וועלכע ער האט אליין געפיהרט) האבען באוויזען, אז איך בין ניט געווען אומגערעכט". די דאזיגע קליינע רעדע טראשו'ס איז דערנאך פארעפענטליכט געווארען דורך איינעם פון די פארזאמעלטע בירגערמייסטער.

ובכן: אין דעמזעלבינען אווענד, ווען עס איז אויסגערופען געווארען די רעפּובליק האבען טראשו'ס חברים שוין געוואוסט, אז טראשו'ס „פלאן" איז באשטאנען אין א קאפּיטולאציע פון פאריז. ווען די נאציאנאלע פארטיידיגונג וואלט מעהר געווען ווי בלויז אן אויסרעד פאר די פעריזענליכע ממשלה פון טיער, פאוור און די גאנצע משפחה, וואלטען די אויפגעקומענע פארשוינען פון דעם 4. סעפּטעמבער זיך אבגעזאגט דעם 5., וואלטען באקאנט געמאכט דעם פאריזער עולם מיט טראשו'ס „פלאן" און וואלטען געפאדערט פון פאריזער פאלק איינס פון די ביידע: אדער קאפּיטולירען, אדער נעמען זיין גורל אין די אייגענע הענד. אנשטאט דעם האבען די דאזיגע געמיינע און פאלשע פארשוינען באשלאסען צו היילען די „העלדישע נארישקייט" פון פאריז מיט הונגער און פערבלוטיגטע קעפּ, און עס צו מאכען פאר א נאר דורך איינגעבלאזענע מאניפעסטען, דהיינו: „טראשו, דער גיבערנאטאר פון פאריז וועט קיינמאל ניט קאפּיטולירען!" און זשול פאוור, דער אויסערן־מיניסטער „וועט ניט אבטרעטען אפילו קיין איינציגען טפח פון אונזער לאנד און קיין איינציגען שטיין פון אונזערע פעסטונגען".

אין א בריף צו גאמבעטע'ן איז זיך דערזעלביגער זשול פאוור אליין מודה, אז ווען זיי האבען געווערט פון פארטיידיגען, האבען זיי ניט געמיינט חלילה די פריסישע סאלדאטען, נאר טאקע די פראנצויזישע ארבעטער. בשעת דער באלאגערונג האבען די באנאפּארטיסטישע רוצחים, וועלכע טיער האט איבערגעגעבען דעם באפעהל איבער דער פאריזער ארמעע, מיאוס גע'חכמ'עט זיך איבער דער פארטיידיגונג. מען באדארף מעהר ניט אקוק געבען אין די קארעספאנדענץ פון אלפאנס סימאן גויא, דעם אויבער־קאמאנדאנט איבער פאריזער ארטילעריע, מיט דעם גרויסען צלם פון דעם עהרען־לעגיאן, צו סוזאן, דעם דיוויזיע־גענעראל פון דער ארטילעריע. די דאזיגע קארעספּאנדענץ איז פארעפענטליכט געווארען דורך דער קאמונע. דעם 28. יאנואר 1871 האבען זיי אראבגענומען די מאסקע. מיט דער גאנצער העלדישקייט, וועלכע שטעקט אין דער טיפסטער מדרגה פון דערנידריגונג איז ארויסגעגאנגען די מלוכה פון דער נאציאנאלער פארטיידיגונג אין דער קאפּיטולאציע פון פאריז אלס א פראנצויזישע רעגירונג דורך ביסמארק'ס געפאנגענע — אפילו לואי נאפּאלעאן אין סעדאן האט זיך מיט עקעל אבגעשאקעלט פון אזא געמיינקייט. נאך דעם 18. מערץ, בעת די קאפּיטולאנטען זיינען אנטלאפען קיין ווערסייל, האבען זיי איבערגעלאזט אין פאריז אלע

אקטען, וועלכע זאגען עדות אויף זייער בגידה. אין א מאניפעסט צו די פראווינצען זאגט די קאמונע, אז „די דאזיגע פארשוינען וואלטען גרייט געווען חרוב צו מאכען גאנץ פאריז, כדי בטל צו מאכען די דאזיגע עדות".

עטלאכע פון די הויפט־מיטגלידער אין דער פארטיידיגונגס־רעגירונג האבען געהאט גאנץ באזונדערע טעמים צו דערפיהרען דעם גאנצען ענין צו אזא בלוטיגען סוף.

א קורצע צייט נאך דער פארארדנונג פון דעם וואפענשטילשטאנד האט מיליער, א דעפוטאט פון דער נאציאנאל־פארזאמלונג, וואס איז ניט לאנג דערשאסען געווארען אויף אן'עקסטרען באפעהל פון זשול פאוור, פארעפענטליכט א גאנצען הויפען דאקו־מענטען, וואס ענטפלעקען פאר אונז דעם פריוואט־לעבען פון פאוור אין א זעהר מיאוס'ן אופן. פאוור האט געלעבט מיט א פרוי פון עמיצען א שכור ערגיץ אין אלזשיר און האט אין נאמען פון די קינדער, וואס ער האט געהאט מיט דער דאזיגער פרוי, ארויס־גענארט א גרויסע ירושה דורך פאלשע פאפירען. די אמת'ע יורשים האבען פארפיהרט א פראצעס, און זיי וואלטען איהם געוואונען, ווען דאס באנאפארטיסטישע געריכט וואלט זיך ניט געשטעלט במזיד אויף דעם צד פון דעם נואף און דעם רמאי. פונדעסטוועגען אבער האט מען די דאזיגע טרוקענע געריכטליכע אקטען בשום אופן ניט געקאנט אוועקמאכען מיט דער האנר און אין גאנצען פארשוויגען, און דא האט זשול פאוור צום ערשטען מאל אין זיין לעבען ניט גע'דרש'נט. ער האט רוהיג אבגעווארט, אז עס זאל ארויסברעכען דער בירגער־קריג, און ערשט דאן איז ער ארויסגעטראטען מיט א פלאם־פייערדיגע רעדע, אין וועלכער ער האט געשאטען פעך און שוועבעל אויף דעם פאריזער עולם, אנרופענדיג איהם א באנדע פון קאטארזשניקעס, וועלכע שטעלט אין סכנה די פאמיליע, די רעליגיע, די ארדנונג פון דער מלוכה און דעם אייגענטום. ווי גאר דער דאזיגער רמאי האט באקומען די מאכט אין די הענד, אזוי האט ער תיכף באפרייט פיק און טאיפער, וועלכע זיינען אפילו אונטער דעם רעזשים פון דער קיסר־מלוכה פאר'משפט געווארען וועגען פארשיידענע פעלשונגען ביי דעם סקאנדאל־פראצעס מיט דער צייטונג „ל'עטאנדאר". איינער פון די דאזיגע שעהנע מענשען, טאיפער, האט געהאט די העזה צוריקצוקומען קיין פאריז בשעת דעם רעזשים פון דער קאמונע, און מען האט איהם תיכף טאקע אריינגעהאקט אין תפיסה. און נאך אלע די דאזיגע מעשים תעתועים האט פאוור אויסגערופען פון דער בימה פון דער נאציאנאל־פארזאמלונג, אז די פאריזער באפרייען אלע ארעסטאנטען און קאטארזשניקעס.

ערנסט פיקאר, דער קארל פאגט פון דער רעגירונג פון דער נאציאנאלער פארטיידיגונג, וועלכער האט זיך אליין געמאכט פאר א אינוועניגסטען מיניסטער, נאכדעם ווי עס האט זיך איהם ניט איינגעגעבען צו ווערען אנ'אויסערוועניגסטער מיניסטער אונטער דעם רעזשים פון דער קיסר־מלוכה, איז דער ברודער פון א געוויסען ארטור פיקאר, וועלכען מען האט ארויסגעיאגט פון דער פאריזער בירזשע פאר פארשיידענע שמד־שטיק. (א באריכט פון דער פאריזער פאליציי פון דעם 13. יולי 1867) ער האט אליין זיך געמוזט מודה זיין, אז ער האט גע'גנב'ט 300000 פראנק אלס דירעקטאר פון א פיליאלע־ביורא פון דער [illegible] זשענעראל, אין דער פאלעסטרא־גאס נום. 5 (פאליציי־באריכט פון 11 דעצעמבער 1868). דעם דאזיגען ארטור פיקאר האט ערנסט פיקאר געמאכט פאר א רעדאקטאר פון זיין צייטונג „ל'עלעקטער ליבר". די אפיציעלע ליגנס פון דער דאזיגער

מיניסטער־צייטונג האבען אריינגעפיהרט די געוועהנליכע בירזשע־לייט אין גרויסע מעות'ן און דערווייל איז זיך ארטור פיקאר ארומגעלאפען אהין און אהער צווישען דעם מיניסטעריום און דער בירזשע און געצויגען פרנסה ברוח פון די מפלות פון דער פראנצויזישער ארמעע. די גאנצע געשעפטליכע קאָרעספּאָנדענץ פון די דאזיגע ברידער איז אריינגעפאלען אין די הענד פון דער קאָמונע.

זשול פערי, וועלכער איז פאר דעם 4. סעפּטעמבער געווען אַן אדוואָקאט אהן א שטעל, האט פארשטאנען אנצוקלייבען א גאנצען מטמון מיט געלד דורך דעם הונגער־נויט אין פאריז. ער איז דאן געווען א בירגערמייסטער פון פאריז. אין דעם טאג, אין וועלכען ער וועט מוזען אבגעבען דין־וחשבון פון זיין שלעכטער פארוואלטונג, וועט ער אויך פאר'משפט ווערען.

די דאָזיגע פארשוינען האָבען זייערע Tickets of leave (אין ענגלאנד באקומען פשוט'ע פארברעכער, נאכדעם ווי זיי האבען אבגעזעסען דעם גרעסטען טייל פון זייער צייט, אזא מין פאסיר, לויט וועלכען זיי דארפען זיך געפינען אונטער דער השגחה פון דער פאליציי. אזעלכע פאסירען הייסען Tickets of leave) געקאנט געפינען נאר אונטער די חורבות פון פאריז. דאס זייען גראד געווען די מענשען, וועלכע ביסמארק האט געדארפט. א ביסעל האקוס־פאָקוס — און טיער, וועלכער האט ביז אהער דער רעגירונג צוגעטראגען כלערלי סודות, איז איצט געווארען דער אפענער שפיאן מיט די Tickets of leave־לייט, אלס מיניסטארען.

טיער, דאס דאזיגע פארזעהעניש, א קארליק און א קאליקע, האט אין משך פון מעהר ווי א האלבען יאהרהונדערט באכישופ'ט דעם פראנצויזישען בירגערטום, ווייל ער איז אליין געווען דער פולקאמענער גייסטיגער אויסדרוק פון זיין פארדארבענקייט. אידער ער איז געווארען א שטאטסמאן האט ער באוויזען זיין גבורה אין ליגען אלס א געשיכטע־שרייבער. די כראניק פון זיין עפענטליכען לעבען איז די געשיכטע פון פראנקרייכ'ס אומגליק. פאר דעם יאהר 1830 האט ער זיך פארבונדען מיט די רעפובליקאנער און האט געכאפט אונטער דעם רעזשים פון לואי פיליפ די שטעלע פון א מיניסטער, ב'עול'ענדיג זיין פריהערען פראטעקטאר לאפיט. ער האט זיך אונטערגע'חנפ'ט ביים קעניג דורך דעם, וואס ער האט געהעצט געגען די גייסטליכקייט; דורך זיינע העצעס זיינען אויסראַבירט געווארען דער קלויסטער סען זשערמען ל'אָקסערואָ און דער פאלאץ פון דעם ארכי־ביסקופ. גע'חנפ'ט האט ער דעם קעניג אויך דורך זיין פארהאלטען זיך געגען די הערצאגין פון בעררי, ביי וועלכער ער האט אין דער זעלביגער צייט געשפילט די ראלע פון א מיניסטער־שפיאן. די שחיטה פון די רעפובליקאנער אין דער טראנסנאנען גאס און די נידערטרעכטיגע געזעצען געגען דער פרעסע און דעם [illegible] פון אסאציאציע — דאס איז אלץ געווען זיין מלאכה. אינ'ם יאהר 1840, בעת [illegible] דער געווארען א מיניסטער־פרעזידענט, האט ער פארהדויש'ט גאנץ פראנקרייך מיט זיין פלאן, צו באפעסטיגען פאריז. די רעפובליקאנער, וועלכע האבען דעם דאזיגען פלאן באטראכט אלס א קאמפלאט געגען די פרייהייט פון פאריז, האט ער געענטפערט אינ'ם פארלאמענט:

„ווי? איהר רעדט זיך איין, אז פעסטונגען קאנען שטעלען אין א סכנה די פרייהייט? אויב איהר מיינט, אז א רעגירונג קען מאכען דעם פרוב צו האלטען זיך דורך די באשיסונג פון פאריז, רעדט איהר לשון הרע אויף [illegible] רעגירונג . . .

אזא מין רעגירונג וואלט תיכף נאך איהר נצחון געווען הונדערט מאל אוממעגליכער, ווי פריהער". און אין דער אמת'ן וואלט זיך קיין רעגירונג ניט דערוואגט צו באשיסען פאריז פון די פעסטונגען, א חוץ יענע רעגירונג, וועלכע האט די זעלביגע פעסטונגען אבגעגעבען אין פרייסישע הענד.

בעת דער קעניג באמבא האט אינ'ם יאהר 1848 אנגעגריפען די שטאדט פאלערמא, איז טיער'ל ווידער אויפגעטרעטען מיט א רעדע אין פארלאמענט, הגם ער איז שוין דעמאלט קיין מיניסטער ניט געווען. „איהר ווייסט, רבותי, וואס קומט איצט פאר אין פאלערמא. איך אלעמען נעמט אן א גרויל (אינ'ם פארלאמענטארישען מיין פונ'ם ווארט), בעת איהר הערט, אז א גרויסע שטאדט איז באשאסען געווארען אין א משך פון 48 שעה. און פון וועמען? פון א שונא אין דעם מצב פון קריגס־רעכט? ניין, רבותי, פון איהר אייגענער רעגירונג. און פארוואס? ווייל די אומגליקליכע שטאדט האט געפאדערט איהרע רעכטען. און פאר די דאזיגע פאדערונג האט זי באקומען באשיסונג אין א משך פון 48 שעה... ערלויבט מיר זיך צו ווענדען אן די מיינונג פון אייראפע. כ'לעבען, מען וואלט געטהאן דער מענשליכקייט א גרויסע טובה ווען מען הויבט זיך אויף און מען דריקט אויס אין עטליכע ווערטער (יא, ווערטער) דעם גרימצארן, וואס אזעלכע מעשים תעתועים רופען ארויס. בעת קעניג עספארטערא, וועלכער האט א סך אויפגעטהאן פאר זיין מדינה האט געוואלט באשיסען בארצעלאנא, כדי צו דערשטיקען א בונט, האט די גאנצע וועלט געמאכט א גוואלד פול מיט כעס". מיט 18 חדשים שפעטער האט דער זעלביגער טיער פארטיידיגט די באשיסונג פון רוים דורך א פראנצויזישע ארמעע. דער פעהלער פון דעם קעניג באמבא איז מן הסתם באשטאנען אין דערין, וואס ער האט באשאסען פאלערמא סך הכל אין א משך פון 24 שעה און ניט לענגער.

עטליכע טעג פאר דער פעברואר־רעוואלוציע, פארביטערט דורך די לאנגע פארטיידיגונג, צו וועלכע גיזא האט איהם פאר'משפט און ניט הערענדיג אין דער לופט די קומענדיגע פאלקס־באוועגונג האט טיער דערקלערט אין פארלאמענט אין יענעם אויפגעבלאזענעם העלדען שטיל, צוליב וועלכען מען האט איהם געגעבען דעם צונאמען מיראבא מוש (מיראבא די פליג):

„איך געהער צו דער פארטיי פון דער רעוואלוציע ניט בלויז אין פראנקרייך, נאר אין גאנץ אייראפע. איך וויל, אז די רעגירונג פון דער רעוואלוציע זאל באשטעהן פון מענשען פון די ניט עקסטרעמע ריכטונגען;... פאלט אריין אבער די ממשלה אין עקסטרעמע הענד, אפילו צו די ראדיקאלען, וועל איך בכל אופן מיין ארבעט ניט ווארפען. איך וועל תמיד געהערען צו דער פארטיי פון דער רעוואלוציע".

עס איז געקומען די פעברואר־רעוואלוציע. דאס פארשווינדעל טיער האט געמיינט, אז זיין חלום ווערט מקוים: ער ווערט איצט מיניסטער אויף גיזא'ס ארט, אבער עס האט זיך אויסגעלאזען, אז לואי פיליפ האט זיי ביידע אבגעשטופט דורך דער רעפובליק. אין דעם ערשטען טאג פונ'ם נצחון האט ער זיך גוט באהאלטען, און דערביי האט ער פארגעסען, ווי אזוי ער איז נבזה ביי די ארבעטער, און אז דאס אליין פארהיט איהם פון זייער שנאה. מיט זיין באקאנטען מוט האט ער זיך געהאלטען פון דערווייטען פון דעם עפענטליכען לעבען, ביז עס זיינען געקומען די יוני־שחיטות און האבען פריי געמאכט

די אָרענע פאר איהם און פאר דער אקציע פון זיין שטיינער. דעמאָלט איז ער געוואָרען דער ראש המנהיג פון דער „אָרדנונגס־פּאַרטיי" מיט איהר פּאַרלאמענטאַרישער רעפּובליק, יענער אַנאָנימער צווישען־מלוכה, וואו פאַרשיידענע פראקציעס פון דעם הערשענדיגען קלאַס האבען קאָנספּירירט איינע מיט דער אַנדערער, כדי צו אונטערדריקען דאס פאלק, און געאַרבעט איינע געגען דער אַנדערער, כדי אליין צו דערגרייכען די הערשאַפט. און ווי היינט, האט טיער אויך דעמאלט באשולדיגט די רעפּובליקאַנער, אַז זיי זייַען די איינציגע מניעה צו פאַרשטאַרקען די רעפּובליק. און דעמאלט ווי היינט האט ער גערעדט צו דער רעפּובליק מיט דעם לשון פון דעם תליון צו דאָן קאַרלאָס: „איך הרג'ע דיך, אבער דאָס טו איך פון דיין טובה וועגען". היינט ווי דעמאלט וועט ער קענען אויסשרייען אויף מאָרגען נאך זיין נצחון: „L'Empire est fait!" — די אימפּעריע איז שוין פאַרטיג. טיער האט געהאלטען צביעות'דיגע דרשות פאר „נויטיגע פרייהייטען", ער האט עפּעס פערזענליך געהאט צו לואי באָנאַפּאַרט, וועלכער האט געדאַרפט איהם און האט ארויסגעוואָרפען דעם פּאַרלאמענטאריזם, — און דאס פאַרשווינדעל האט גוט געוואוסט, אז געהמט מען אוועק די קינסטליכע אַטמאָספערע פון פּאַרלאמענטאַריזם, ווערט פון איהם א גאָרנישט — און ניט קוקענדיג אויף דאס אלץ האט ער צוגעלעגט א האנד צו אלע מעשי־תעתועים, וואס עס האט אָנגעהויבען די צווייטע אימפּעריע. אָנהויבענדיג מיט פאַרנעהמען רוים דורך פראַנצויזישע חיילות, ענדיגענדיג מיט דער מלחמה מיט פּרייסען, צו וועלכער ער האט אויפגעהעצט דורך זיין אַנפאלען אויף דער דייטשער איינהייט — ניט חס וחלילה מחמת זי איז אַ מאַסקע פאַר'ן פּרייסישען דעספּאָטיזם, נאר ווייל דאס האט אנגעריהרט די חזקה, וואס פראַנקרייך האט בירושה אויף דער דייטשער ניט־איינינקייט — אין אלץ דעם האט טיער געהאט אַ חלק. אין דער צייט ווען ער האט מיט זיינע קאַרליק־הענטלאַך גע־פּרייסעלט בפני כל אייראָפּע מיט דעם שווערד פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען, וועמעס היסטאָרישער שיך־פּוצער ער איז געוואָרען, פלעגט זיין אויסערליכע פּאָליטיק תמיד פיהרען צו פראַנקרייכס דערנידערונג: עס האט זיך אָנגעהויבען מיט דער לאָנדאָנער קאָנווענציע אין 1841 און אויסגעלאָזען זיך מיט דער פּאַריזער קאַפּיטולאציע אין 1871 און דעם איצטיגען בירגער־קריעג, בעת ער האט מיט דער הויכער ערלויבעניש פון ביסמאַרק'ן אויפגערייצט די געפאנגענע פון סעדאַן און מעץ אויף פּאַריז. דער מענש האט געהאט א ריזעוודיגען טאַלענט, ער האט געביטען זיינע ציעלען און סונדעסטוועגען איז ער קיינמאל ניט אפּגעטראָטען פון זיין אלטען אייגעטראָטענעם דרך. כספר החתום זייגען פאר איהם געווען ניט בלויז יענע שטרעמונגען וואס ליגען טיעפער אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט, נאר אפילו די שינויים אויף דער געזעלשאַפטליכער אויבערפלאַך, וואס מען קען אנטאַפּען מיט די הענד, האט ניט געקענט באַנעהמען זיין מוח, וועמעס גאנצער כח־החיים איז פאַרגאַנגען אין דער צונג. אזוי למשל איז איהם קיינמאָל ניט נמאס געווען אנצוקלאָגען, ווי פאר א חילול הקדש, יעדערען, וואס פלעגט אויף א האָהר אפּטרעטען פון דעם פאַרשימעלטען פראַנצויזישען פּראָטעקציאָניזם. זייענדיג אַ מיניסטער ביי לואי פיליפּ האט ער געפּרובט פאַר'מיאוס'ן די אייזענבאהנען, אלס אַ פאַרבלענדעניש פון אַ חסר דעה, זייענדיג אין דער אָפּאזיציע בימי לואי באנאפּארט, פלעגט ער שאַרף ארויסטרעטען געגען יעדער פּרוב

צו רעפארמירען די פארפוילטע אינוועניגסטע פארנאטקעס פונ׳ם פראנצויזישען מילימער. אויף זיין לאנגען פאליטישען דרך האט ער ניט דורכגעפיהרט קיין איין איינציגע זאך, וואס זאל האבען עפעס א פראקטישען באטייט. טיער איז געווען אויסגעהאלטען נאר אין זיין יאגען זיך נאך עשירות און אין דער קנאה צו די רייכע. אנ׳אביון, ווי איוב איז ער אריין אין זיין ערשטען מיניסטעריום אונטער לואי פיליפ; ארויס איז ער א מיליאנער. בשעת מען האט איהם אין זיין לעצטען מיניסטעריום אונטער דעם זעלביגען קעניג (פון 1. מערץ 1840) אין פארלאמענט אפען באשולדיגט אין פארשיידענע פעלשונגען, האט ער זיך באגנוגענט צו ענטפערען מיט טרערען אויף די אויגען, וועלכע ער פלעגט אזוי גרינג פארגיסען, ווי זשול פאוור, אדער אנ׳אנדער קראקאדיל. דעם ערשטען טריט וואס ער האט געמאכט אין בארדא אין 1871, כדי צו ראטעווען פראנקרייך פון א פינאנץ־חורבן איז געווען צו באשטימען פאר זיך א סומע פון 3 מיליאן יעהרליך. דאס איז געווען דאס ערשטע און דאס לעצטעווארט פון יענער „אויסגערעכענטער רעפובליק“, אויף וועלכער ער האט געלאזט האפען זיינע פאריזער וועהלער אין 1869 יאהר. איינער פון זיינע פריהערדיגע קאלעגעס אין פארלאמענט פון 1830, אליין א קאפיטאליסט, — וואס האט איהם ניט אפגעהאלטען צו ווערען א איבערגעגעבענער מיטגליד פון דער פאריזער קאמונע — הערר בעזליי האט געזאגט אין א עפענטליכער מודעה צו טיער׳ן: „דער ווינקעלשטיין פון אייער פאליטיק איז תמיד געווען די פארשקלאפונג פון דער ארבעט דורך דעם קאפיטאל און זינט איהר זעהט, אז די רעפובליק פון ארבעט האט זיך פארפעסטיגט אינ׳ם פאריזער שטאדט־הויז, האלט איהר אין איין שרייען אויף גאנץ פראנקרייך: „קוקט אן די פארברעכער!“ — טיער איז א גענייטער שווינדלער ביי קליינע מלוכה־ענינים, א קינסטלער בהלכת ברעכען א שבועה און פארראט, א בקי אין כלערליי נידעריגע כיטרע פאלשקייטען, געטריי נאר זיך אליין אינ׳ם פארלאמענטארישען פארטיי־קאמף. ווארפט מען איהם ארויס פון בענקעל, איז ער גרייט צו מאכען א רעוואלוציע, נעהמט ער אבער דעם מלוכה־רודער ווידער אין זיינע הענד, איז ער גרייט איהר צו דערשטיקען אין טייכען־בלוט. קלאסען־פאראורטיילען פארבייטען ביי איהם אידעען, פוסטע גאוה — א הארץ. זיין פריוואטער לעבען איז אזוי געמיין, פונקט ווי זיין געזעלשאפטליכער — נידערטרעכטיג. אפילו איצט ווען ער שפילט די ראלע פון א פראנצויזישען סוללע, מוז ער גרויס מאכען זיינע מעשי־תעתועים מיט דער לעכערליכקייט פון זיין רימעריי.

די קאפיטולאציע פון פאריז, מיט וועלכער די פרייסען איז איבערגעגעבען געווארען ניט בלויז די שטאדט, נאר אויך גאנץ פראנקרייך, האט געמאכט א סוף צו די לאנגע פארעטערישע אינטריגעס, וועלכע די אזורפאטארען פון 4. סעפטעמבער האבען, ווי עס האט טראשו אליין צוגעגעבען, אנגעהויבען גלייך אין דעם זעלביגען טאג. פון דער אנדער זייט האט זי אנגעהויבען דעם בירגער־קריג, וועלכען זיי האבען איצט צו פיהרען מיט פרייסישער שטיצע געגען דער רעפובליק אין פאריז. אין דעם טעקסט פון דער קאפיטולאציע גופא איז שוין געווארען אויסגעגראבען א גרוב. אין דריטעל פונ׳ם לאנד איז דעמאלט געלעגען אין די הענד פונ׳ם שונא, פאריז איז געווען אפגעשניטען פון די פראווינצען, די פארבינדונגס־מיטלען זיינען ניט געווען אין ארדנונג. ביי אזא לאגע איז אין פראנקרייך געווען שווער ארויסצוקלייבען אנ׳אמת׳ע פארטרעטערשאפט פון פאלק

אויב דערצו זאל ניט געגעבען ווערען א היפשע ביסעל צייט אויף צוגרייטען זיך. און דוקא דערפאר האט מען ביי דער קאפיטולאציע ארויסגעשטעלט א תנאי, אז אין משך פון 8 טעג זאל געוועהלט ווערען א נאציאנאל־פארזאמלונג, אזוי אז אין אייניגע טיילען פון פראנקרייך איז די ידיעה וועגען די נייע וואהלען געקומען מיט איין טאג פריהער פאר יענעם טאג, ווען מען האט געדארפט אפגעבען די שטימע. די נאציאנאל־פארזאמלונג האט געדארפט געוועהלט ווערען, ווי דאס איז אפגעמאכט אין א בפירוש'דיגען ארטיקעל פון דער קאפיטולאציע, נאר פאר איין איינציגען צוועק, דהיינו: צו באשליסען וועגען מלחמה און שלום, און אז עס וועט נויטיג זיין, אונטערצוחתמ'ענען דעם שלום־אפמאך.

דאס פאלק האט געמוזט פיהלען, אז די תנאים פון וואפענשטילשטאנד גיבען ניט די מעגליכקייט ווייטער מלחמה צו האלטען, און אז אויף צו באשטעטיגען דעם שלום, וואס עס האט ארויסגעצוואונגען ביסמארק, זיינען גראד די ערגסטע פון פראנקרייך געוועזען די בעסטע. אבער טיער האט זיך ניט באגנוגענט מיט די דאזיגע מיטלען. איידער צו די פאריזער איז נאך דערגאנגען דער סוד פונ'ם וואפענשטילשטאנד, איז ער שוין ארויסגעפארען אין די פראווינצען, כדי אויפצושטעלען דארטען די לעגיטימיסטישע פארטיי, וועלכע זאל אינאיינעם מיט די ארלעאניסטען פארנעהמען דעם ארט פון די באנאפארטיסטען, וואס האבען ניט געטויגט פאר א רעגירונג פון דער מאדערנער פראנקרייך, און לכן זיינען זיי נבזה געוועזען אלס קאנקורענטען, — וואס פאר א פארטיי האט געגעבען אזא מין געצייג אין די הענד פון דער רעאקציע, ווי די פארטיי, וועלכע האט איהר אקציע, ווי עס שילדערט טיער אליין (דעפוטאטען־קאמער, 5. יאנואר 1835), „געבויט אויף דריי הילפס־קוואלען: אויסערליכע אינוואזיע, בירגער־קריג און אנארכיע?" אבער זיי, די לעגיטימיסטען, האבען באמונה שלמה געגלויבט, אז עס וועט אנקומען, די ישועה פון נאך משיח'ס צייטען, וועלכע זיי האבען געזעהן אין עבר און ניט אין עתיד. אט זיינען די פועל־יוצא'ס פון אויסערליכער אינוואזיע, וואס האבען פראנקרייך איינגעבויגען ביז צו דער ערד, אט איז די מפלה פון דער אימפעריע און דער געפאנגענער באנאפארט און אט ווידער זיינען זיי אליין. די ראד פון דער געשיכטע האט זיך א דרעה געטהאן צוריק ביז צו דער Chambre introuvable (לאנדראט־ און יונקער־קאמער) פון 1816. אין די פארזאמלונגען פון דער רעפובליק פון 1848 ביז 1851 זיינען זיי געווען פארטראטען דורך זייערע געבילדעטע פארלאמענטארישע פיהרער; איצט אבער האבען זיך ארויסגערוקט די פראסטע סאלדאטען פון דער פארטיי — אלע pourceaugnacs פון פראנקרייך.

תיכף ווי די פארזאמלונג פון די קליינע יונקערס האט זיך געעפענט אין באָרדאָ, האט זיי טיער קלאר געמאכט, אז זיי דארפען די צייטווייליגע שלום־תנאים גלייך אנגעוהמען, אפילו אהן דעם כבוד פון פארלאמענטארישע דעבאטען, מחמת זיי זיינען דער איינציגער תנאי, אויף וועלכען פרייסען ערלויבט זיי אנהויבען א מלחמה געגען דער רעפובליק און איהר שטארקער פעסטונג, פאריז. באמת האט די קאנטער־רעוואלוציע ניט געדארפט פארלירען קיין איין רגע. די צווייטע אימפעריע האט פארטאפעלט די מלוכה־חובות און דערפיה'רט די גרעסטע שטעדט צו ריזיגע גרויסע ארטיגע־חובות. די מלחמה האט א סך געמאטערט פון דער נאציע און האט אויסגעשעפט אלע הילפס־

קוואלעֶן. וועל כולם איז נאך געֶשטאנען דער פרייסישער שיילאָק מיט דעם קויטעל און האט געֶפאדערט פאר אויסהאלטעֶן א האלבען מיליאן כאלראטעֶן אויף דעֶר פראנצויזישעֶר טעֶררימאָריעֶ, 5 מיליאַרד פאר היזקות און צינזש צו 5 פראצעֶנט אויף יעדער נימ אָפגעֶצאָהלטעֶר ראַטע פון דעֶר דאזיגעֶר סומעֶ. ווער זאל צאָהלען?

די מענשעֶן אין וועמעס העֶנד עס איז געלעֶגען די עשירות האבען געֶוואלט אז די אלע חובות פון א מלחמה, וואס זיי אליין האבען ארויסגערופען, ארויפוואַרפען אויף די פלייצעֶס פונ'ם ארבעטער־קלאס, נאר דערצו האבען זיי געדארפט ראשית דערשטיקען די רעפובליק. און גראָד דעֶר גרויסער חורבן פון פראנקרייך האט די פאטריאטישע פריצים און קאַפיטאליסטען צוגעֶגעבען חשק דערצו, אז זיי זאלעֶן נאך דער מלחמה אָנ־הויבעֶן אונטער דער השגחה פון זיגער, א בירגער־קריג, א בונט פון שקלאפעֶן־האלטערס.

אבעֶר אויף דעֶם וועג פון דעֶם דאזיגען קאָמפלאָט איז געשטאנען א גרויסע מניעה — פאריז. דער ערשטער תנאי פאר עֶרפאלג איז געוועֶן: אָפנעֶהמען ביי פאריז זיין כלי־זין. מהי טעמא פאָדעֶרט מיער ביי פאריז אוועקצולעֶגעֶן דאס געוועהר. פאריז איז דעמאלט אויפגערייצט געווארען דורך די משונה'דיגעֶ אנטירעֶפובליקאנישע דעמאָנ־סטראציעֶס פון דער קליין־יונקערס־פארזאמלונג, דורך טיעֶר'ס צווייד־יטיגע רעדעֶס מכח דעֶם רעֶכטליכען יסוד פון דער רעפובליק. מעֶן האט געסטראַשעט אראָפנעֶהמעֶן ביי פאריז די קאָפ און מאכען איהם אוים הויפט־שטאָדט (décapiter et décapitaliser). עֶם זיינען באשטימט געווארעֶן אָרלעאניסטישעֶ פאָסאָלס; דיפאָר האט ארויסגעֶלאזעֶן געֶזעֶצען וועגען אָפגעלאָפענע וועקסלען און דירה־געֶלד, וואס זיינעֶן געֶוועֶן די סכנה פאר דעֶר אינדוסטריעֶ און האנדעל פון פאריז. פויע־קערטיע האט ארויפגעֶלעֶגט אויף יעדער דרוק־זאך 2 סאַנטים שטייער. בלאנקי און פלוראַן זיינען פאר'משפט געֶווארען צום טויט, אלעֶ רעפובליקאנישעֶ בלעטער האט מען געשטיקט און געֶדריקט, די נאציאנאל־פאַרזאמלונג האט מעֶן איבעֶרגעֶטראָגעֶן קיין ווערסייל. מעֶן האט אויף ס'ניי ערקלעֶרט דעם באלאגערונגס־צושטאנד, וועלכעֶן עס האט איינגעפיהרט פאליקאַאָ און וואס איז בטל געווארעֶן דורך דעם 4. סעפטעמבעֶר. דער דעצעֶמבעֶר־העלד ווינוי איז באַשטימט געֶווארען צו זיין גובעֶרנאטאָר, דעֶר זשאַנדארם וואַלענטין — צום פאָליציי־פרעֶפעֶקט, און דעֶר יעזואיטען־גענעראַל ד' אָרעֶל דע פאלאדין איז באשטימט געווארען צום אויבער־קאָמענדאַנט פון דעֶר נאציאנאל־גוואַרדיע פון פאַריז. די אלע מיטלען האבעֶן אויסגעֶרייצט דאס פאַריזעֶר פאָלק.

איצט שטעלען מיר אַ פראגע דעם העֶרר טיער און זיינע משרתים פון דער נאציאָנאל־פארזאמלונג. עס איז ידוע, אז טיער האט דורך זיין פינאנץ־מיניסטער העֶרר פויע־קערטיע באאנטראגט צו מאכען אַ הלואה פון צוויי מיליארדען, וועלכע מען האט געמוזט באלד באצאָהלען. איז עס טאקי אַנ'אמת צו ניט:

1. אז מען האט אזוי געמאכט דעֶם געשעֶפט, אז היפשע הונדערטער מיליאנעֶן פראָוויזיאָן האבען אָנגעשטאָפט די קעשענעס פון טיער, זשול פאַוור, ערנעסט פיקאַר, פויע־קערטיע און זשול סימאָן, און

2. אז צאָהלען וועט מען ערשט נאך דעם ווי עס וועט „הערשען שלום" אין פאריז.

בכל אופן איז דער ענין געווען אַ פּנים גאַנץ דרינגלאַך, מחמת מ׳ער און ז׳שול פֿאַוור האָבען אָהן קיין שום חרפה געבעטען די פּרייסען אינ׳ם נאָמען פֿון דער פֿאַרזאַמלונג אין באָרדאָ, זיי זאָלען פֿאַרנעמען מיט זייער חיילות פּאַריז. אָבער דאָס האָט ניט געפּאַסט פֿאַר ביסמאַרק׳ס עסק. אַזוי האָט מיט אַ געלעכטער און גאַנץ אָפֿען דערציילט דער זיגער די פֿראַנקפֿורטער פּיליסטערס, בעת ער איז געקומען צוריק קיין דייטשלאַנד.

.II

פּאַריז איז געווען די איינציגע שווערע מניעה אויף דעם וועג פֿון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. מען האָט געמוזט אָפּנעמען ביי פּאַריז זיין כלי־זין. בנוגע צו דעם דאָזיגען פּונקט איז די פֿאַרזאַמלונג פֿון באָרדאָ געווען די אויפֿריכטיגקייט אַליין. אַז מען וואָלט דעם ליאַרעם פֿון די קליינע יונקערס ניט אַזוי גוט געהערט, וואָלט די מעשה מיט פּאַריז אַליין, וואָס מען האָט איבערגעגעבען אין די הענד פֿון דעם טריאומוויראַט — וויני דעם דעצעמבער־רוצח, וואַלענטין דעם באָנאַפּאַרטיסטישען זשאַנדאַרם און אָרעל דע פּאַלאַדין, דעם יעזואיטען־גענעראַל — געווען גענוג צו צושטערען דעם לעצטען ספק. אָבער בעת די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען האָבען בפּרהסיא חוצפּה׳דיג געדעט וועגען אמת׳ן צוועק פֿון אַנטוואָפֿענונג, האָבען זיי געפֿאָדערט, אַז פּאַריז זאָל אָוועקלעגען זיין כלי־זין און דערביי אַרויסגעשטעלט אַ תירוץ, וואָס איז געווען דער גוואַלטיגסטער עזות׳דיגער שקר. מ׳ער האָט געזאָגט, אַז די האַרמאַטען פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע געהערען דער מלוכה, און מהאי טעמא מוז מען זיי צוריק אָפּגעבען. די מעשה איז אָבער געווען די: ביסמאַרק׳ס געפֿאַנגענע האָבען דורך דער קאַפּיטולאַציע איבערגעגעבען פֿראַנקרייך אין די הענד פֿון זיגער און דערביי האָבען זיי אויסגעדונגען אַ היפּשע שמירה מיט דעם בפּירוש׳דיגען צוועק האַלטען פּאַריז בהכנעה — פֿון יענעם טאָג פֿון דער קאַפּיטולאַציע איז פּאַריז געשטאַנען אויף דער וואַך. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט זיך איבעראָרגאַניזירט און האָט איבערגעגעבען די הנהגה אין די הענד פֿון אַ צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעקליבען געוואָרען פֿון דער גאַנצער מאַסע אַ חוץ אַ פּאָר אַלטע באָנאַפּאַרטיסטישע אָפּטיילונגען. מיט אַ טאָג פֿריהער איידער די פּרייסען זיינען אַריינגעמאַרשירט אין פּאַריז, האָט דאָס צענטראַל־קאָמיטעט איבערגעפֿיהרט קיין מאָנמאַרטר, לאַ ווילעט און בעלוויל די האַרמאַטען און מאַשינען־געוועהר, וואָס די קאַפּיטולאַנטען האָבען אויף אַ פֿאַררעטערישען אופֿן איבערגעלאָזען אין די שטאָדט־טיילען, וואוהין ס׳האָבען באַדאַרפֿט אַריין די פּרייסען. ד י ד א ז י ג ע האַרמאַטען האָט די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע אַליין מיט איהר אייגענעם מיה באַקומען. אין דער קאַפּיטולאַציע פֿון 28. יאַנואַר האָט מען דאָס אַפֿילו אָנערקענט פֿאַר איהר אייגענטום. און אויף אַזאַ אופֿן האָט מען זיי ניט געדאַרפֿט איבערגעבען דעם זיגער, ווי מען האָט דאָס געמוזט טהאָן מיט דעם כלי זין, וואָס האָט געהערט צו דער מלוכה. און היות ווי מ׳ער׳ן האָט געפֿעהלט דער קלענסטער תירוץ, מיט וועלכען ער זאָל קענען אָנהויבען דעם קאַמף געגען פּאַריז, האָט ער זיך געלאָזען אויף אַ פּשוט׳ען ליגען: די האַרמאַטען פֿון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע געהערען דער מלוכה!

די קאָנפֿיסקאַציע פֿון די האַרמאַטען האָט געדאַרפֿט זיין נאָר דער פֿאָרשפּיל צו דער אַלגעמיינער אַנטוואָפֿענונג פֿון פּאַריז און דער רעוואָלוציע פֿון 4. סעפּטעמבער.

אבער די דאזיגע רעוואלוציע איז שוין געווארען פראנקרייכס געזעצליכער צושטאנד, איהר אויפטו, די רעפובליק איז אנערקענט געווארען פונ'ם זיגער אינ'ם טעקסט פון דער קאפיטולאציע. נאך דער קאפיטולאציע איז זי אנערקענט געווארען פון אלע פרעמדע מלוכות, אין איהר נאמען האט מען צונויפגערופען די פארזאמלונג.

די נאציאנאל־פארזאמלונג אין באָרדאָ און איהר אויספיהרענדיגע מאכט האט זיך געהאלטען בלויז דורך דער פאריזער ארבעטער־רעוואלוציע פונ'ם 4. סעפטעמבער. ווען ס'וואלט ניט געוועזען דער 4. סעפטעמבער, וואלט די נאציאנאל־פארזאמלונג געדארפט תיכף אפטרעטען איהר ארט יענער געזעצגעבערישער קערפערשאפט, וואס איז געוועהלט געווארען נאך בימי דער פראנצויזישער און ניט פרייסישער הערשאפט אויף דעם גרונד פון אלגעמיינעם שטימרעכט, און וועלכע די רעוואלוציע האט מיט געוואלט פונאנדערגעטריבען. טיער און זיינע Tickets-of-leave ־לייט וואלטען געדארפט פארהאנדלען וועגען א באגלייטונג־דאקומענט, אונטערגע'חתמ'עט פון לואי באנאפארט, כדי צו פארמיידען די נסיעה קיין קיען. די נאציאנאל־פארזאמלונג מיט איהר פולמאכט צו שליסען דעם שלום מיט פרייסען איז געוועזען אנ'איינציגער אגב־אורחא־פאל אין יענער רעוואלוציע, וועמעס אמת'דיגע פארקערפערונג עס איז געוועזען דער באוואפענטער פאריז; יענער פאריז, וואס האט געמאכט די רעוואלוציע, וואס איז פאר איהר אויסגעשטאנען א פינף חדשים'דיגע באלאגערונג און אריבערגעטראגען די גאנצע ענויים פון הונגער. יענער פאריז, וואס האט זיך לאנג געהאלטען אקעגען דעם שונא און דערמיט געשאפען דעם יסוד פאר אנ'עקשנות'דיגער פארטיידיגונגס־מלחמה אין דער פראווינץ, הגם טראשי האט אויסגעארבעט זיין „פלאן". און דער דאזיגער פאריז איז איצט געשטאנען פאר צוויי וועגען. אוועקלעגען דאס כלי־זין אויף דעם באליידיגענדיגען באפעהל פון די צובונטעוועטע שקלאפען־האלטער פון בארדא, און דערמיט אנערקענען, אז זיין גאנצע רעוואלוציע פון 4. סעפטעמבער האט נאר געדינט דערצו, אז די מלוכה־מאכט זאל פשוט איבערגעטראגען ווערען פון לואי באנאפארט אויף זיינע קעניגליכע קאנקורענטען — דאס איז געווען דער ערשטער וועג. דער צווייטער — ארויסטרעטען און מקריב זיין זיך, ווי דער ערשטער קעמפער פון פראנקרייך, וועלכער קען זיך ניט ראטעווען פון אונטערגאנג און קען ניט אויפלעבען, ניט צושטערענדיג אויף א רעוואלוציאנערען אופן יענע פאליטישע און געזעלשאפליכע תנאים, וועלכע האבען ארויסגערופען די צווייטע אימפעריע, און וועלכע זיינען שוין אינגאנצען צופוילט געווארען. און פאריז האט ניט געמאכט קיין שהיות, הגם ער איז געווען אויסגעמאטערט פון א פינף־חדשים'דיגען הונגער. פאריז האט העלדיש באשלאסען אויסצוהאלטען אלע סכנות, וואס זיינען פארבונדען מיט אנטגעגנשטעלען זיך די פראנצויזישע בוגדים, הגם פון די אייגענע פארטען האבען ארויסגעקוקט די פרייסישע הארמאטען. דער צענטראל־קאמיטעט האט אבער באשטאנען אין זיין טיפען עקעל צום בירגער־קריג, צו וועלכען מען האט פאריז געטריבען, אז מען זאל זיך נאר פארטיידיגען, כאטש די פארזאמלונג האט געהאלטען אין איין אויפרייצען, כאטש עס זיינען אנגענומען געווארען מיטלען פון דער אויספירענדיגער מאכט און מען האט געסטראשעט ארייגפיהרען חיילות אין פאריז.

טיער בכבודו ובעצמו האט געעפענט דעם בירגער־קריג דורכדעם וואס ער האט ארויסגעשיקט פאליציי־סערזשאנטען און אייניגע פאלקען אונטער דער הנהגה פון וויני־

קיין מאָנמאַרטר, כּדי אָנצופאַלן בײַ דער נאַכט אויף דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און צו־נעמען בײַ זיי די האַרמאַטן. עס איז ידוע, וואָס פאַר אַ מפּלה עס האָט געליטן דער דאָזיגער פּרוב, ווי אַזוי די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט זיך פאַרטיידיגט און ווי די סאָלדאַטן זײַנען אַריבער צום פאָלק. אײדער וואָס־ווען האָט שוין ארעל דע פּאַלאַדין געהאַט פאַרטיג א נצחון־באַריכט, און מ׳ער האָט שוין אנגעגרייט מודעות, כּדי צו לאָזן קלעפּן אויף די ווענד און אויף אַזאַ אופן מודיע זײַן פּאַריז וועגן זײַנע נצחונות. אָבער לאחר מעשה האָט טיער אנשטאַט דעם אַרויסגעלאָזן אַן׳אויפרוף, וואו ער איז גרויסמוטיג מודיע, אַז ער לאָזט די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע בײַ דעם כּלי־זין, און דערבײַ האָט ער צוגעגעבן, אַז ער איז ניט מסופּק, אַז זי וועט באַנוצן די געוועהר צו פאַר־טיידיגן די רעגירונג געגען מרידות. פון 300,000 נאַציאָנאַל־גוואַרדיסטן האָבן זיך נאָר 300 אָפּגערופן אויף דעם אויפרוף פון דעם קליינעם טיער, דאָס הייסט זיי זײַנען געווען גרייט געהן מיט איהם געגען זיך. די העלדישע אַרבעטער־רעוואָלוציע פון 18. מערץ האָט פאַרנומען פּאַריז. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען איהר צײַט־ווייליגע רעגירונג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אייראָפּע האָט אָנגעהויבן מסופּק צו זײַן, צי עס האָבן אַ וועלכע ניט איז ממשות איהרע אַלע מלוכה־ און מלחמה־אַקציעס, אָדער דאָס איז אַ חלום פון דעם לאַנג פאַרשוואונדענעם עבר.

פון דעם 18. מערץ ביז יענעם טאָג, ווען עס זײַנען אַרײַן די ווערזײַלער חיילות אין פּאַריז, איז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע געבליבן אַזוי ריין פון אַלע יענע געוואַלדטאַטן, מיט וועלכע עס זײַנען אַזוי רײַך די רעוואָלוציעס און אַ פּשיטא די קאָנטער־רעוואָלוציעס פון די „העכערע קלאַסען“, אַז איהרע געגנער, וועלענדיג אויסלאָזן זייער גרימצאָרן, האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער צוטשעפּעניש, ווי די דערמאָרדונג פון די גענעראַלען לעקאָן און קלעמאַן טאָמאַ און דער צוזאַמענשטויס אויף דעם פּלאַץ וואַנדאָם.

גענעראַל לעקאָן איז געווען איינער פון די באָנאַפּאַרטיסטישע אָפיצערן, וועלכער האָט געשפּילט אַ ראָלע בײַ דעם נאַכטיגען אָנפאַל אויף מאָנמאַרטר. ער האָט פיר מאָל אָפּגעגעבן אַ בעפעהל, אַז דער 81. ליניען־פּאָלק זאָל שיסען אויף דעם אומבאוואָפנטען עולם אויף דעם פּלאַץ פּיגאַל; בעת די סאָלדאַטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שיסען, האָט ער זיי אָנגעהויבן מיט כּעס צו זידלען. און די סאָלדאַטן האָבן אַנשטאַט צו שיסען אין פרויען און קינדער דערשאָסען זייער גענעראַל. פאַרשטעהט זיך, אַז די אַלע רגילות׳ן, וועלכע זײַנען אײַנגעוואָרצעלט געוואָרען בײַ די סאָלדאַטן מיט דער ערציהונג וואָס זיי האָבן באַקומען פון דעם פיינד פון׳ם אַרבעטער־קלאַס זײַנען ניט במל געוואָרען אין דער רגע, ווען די דאָזיגע סאָלדאַטן זײַנען איבערגעגאַנגען צו די אַרבעטער. די זעלביגע מענשען האָבן אויך דער׳הרג׳עט קלעמאַן טאָמאַ.

„גענעראַל“ קלעמאַן טאָמאַ, אַ ברוגז׳דיגער וואַכטמייסטער פון פריהער האָט אין דער לעצטער צײַט פון לואי נאַפּאָלעאָן באַקומען אַ שטעלע אין דער רעדאַקציע פון דער רעפּובליקאַנישער „לע נאַסיאָנאַל“. זיין אַרבעט איז געווען זיצען פאַר׳ן רעדאַקטאָר אין טורמע און שלאָגען זיך פאַר איהם אויף דועלען. ווען עס איז געקומען די פעברואַר־רעוואָלוציע אין די העלדען פון „נאַסיאָנאַל“ האָבן באַקומען דעם רודער פון דער מלוכה אין זייערע אייגענע הענד, האָט מען דעם אַלטען וואַכטמייסטער געמאַכט פאַר אַ גענעראַל.

דאס איז געווען ערב דער יוני־שחיטה, וועלכע ער, ווי אויך זשול פאוור, האבען געפלאַנט. אין דער דאזיגער יוני־שחיטה האט ער געשפילט אַ ראָל פון דעם נידערטרעכטיגסטען תליון. דערנאָך איז ער אינאיינעם מיט זיין גענעראלשאפט פארשוואונדען אויף אַ לאנגע צייט, כדי ווידער אויפצושווימען דעם 1. נאוועמבער 1870. מיט אַ טאָג פריהער האט די „רעגירונג פון פארטיידיגונג" געגעבען בלאַנקי, פלוראַן און אנדערע ארבעטער־פארטרעטער אין שטאָדט־הויז דאס ווארט, אז זי וועט איבערגעבען די פארכאפטע מאכט אין די הענד פון אַ פריי־געוועהלטער פאריזער קאמונע. במקום צו האלטען ווארט האט זי ארויסגעשיקט געגען פאריז טראַשי׳ס ב׳רעטאנער, וועלכע האבען איצט געשפילט די ראָלע פון די באנאַפּאַרטיסטישע קארסיקאנער. דער גענעראל טאמיזיע האט זיך אָפגעזאגט צו באפלעקען זיין נאמען מיט אזא מין ווארט־ברוך און איז אוועק פון זיין פּאָסטען פון אויבערקאמענדאנט פון דער נאציאנאל־גווארדיע אויף זיין אָרט איז קלעמאַן טאָמאַ געווארען ווידער אַ גענעראל. פאר דער גאנצער צייט פון זיין קאמאנדירען האט ער געפיהרט קריג ניט געגען די פּרייסען, נאר געגען דער פאריזער נאציאנאלער גווארדיע. ער האט געמאכט מניעות פאר איהר אלגעמיינער באוואפענונג, ער האט געהייצט די בירגערליכע באטאליאנען אויף די ארבעטער־באטאליאנען, ער האט באזייטיגט אלע אָפיצערען, וואס זיינען געווען אקעגען טראָשי׳ס „פּלאַן". ער האט פונאנדערגעלאזען די פראלעטארישע באטאליאנען, אויפווארפענדיג זיי פּחדנות, יענע באטאליאנען, וועמעס העלדישקייט עס האט ארויסגערופען התפעלות אפילו ביי פארביסענסטע שונאים. קלעמאַן טאָמאַ האט אויסערגעוועהנליך שטאָלצירט דערמיט, וואס ער טראָגט שוין ווידער זיין יוני־כבוד פון אַ פערזענליכען פיינד פון פאריזער פראלעטאריאט. אַ פּאָר טעג פאר דעם 18. מערץ איז ער געקומען צום קריגס־מיניסטער לעפלאָ מיט אַ פּלאַן ווי אזוי „עוקר מן השורש צו זיין די פאריזער קאַנאַליעס". נאך ווינוי׳ס מפלה האט ער זיך ניט געקענט אפזאגען צו קומען, ווי אַ פּריוואטער שפּיאָן אויף דעם קאמף־פּלאץ. דער צענטראל־קאמיטעט און די פאריזער ארבעטער זיינען אזוי געווען פאראנטווארטליך פאר דער דערשיסונג פון קלעמאַן טאָמאַ און לעקאָן, פונקט ווי די פרינצעסין פון וועלז איז פאראנטווארטליך פאר דעם גורל פון די מענשען, וואס זיינען צוקוועטשט געווארען אין דער שטיקעניש ביי איהר אריינפאהרען קיין לאנדאָן.

די כלומר׳שטע שחיטה פון אומבאוואפנעטע בירגער אין דער פּלאַס וואנדאָם איז אַ מעשה׳לע, וועגען וועלכער טיער און די קליינע יונקערס האבען אין דער פארזאמלונג געשוויגען, פארברייטען די דאזיגע מעשה האט ער איבערגעגעבען דעם משרתים־שטיבעל, דער אייראפּעאישער טעגליכער פרעסע.

די „ארדנונג־מענער", די רעאקציאנערען פון פאריז האבען אַ ציטער געטהאָן ביי דעם נצחון פון 18. מערץ. פאר זיי איז דאס געווען דער סימן דערפון, אז דאס פאלק וועט זיי איצט צאהלען זייער שכר. פאר זייערע אויגען זיינען אויפגעשטאנען די שאָטענס פון די קרבנות, וואס זיינען געפאלען פון זייער האנד פון די יוני־טעג אין 1848 ביז דעם 22. יאנואר פון 1871. זייער פּחד אבער איז געווען זייער איינציגע שטראָף. אפילו די פאליציי־סערזשאנטען, וועלכע מען האט געדארפט אנטוואפענען און אריינזעצען אין תפיסה, האבען געפונען די טירען פון פאריז אָפען פאר זיך, און זיי זיינען אנטלאָפען קיין ווערזייל. לא די, וואס מען האט די ארדנונג־מענער אליין גארנישט געטהאָן, האט מען זיי נאך

געלאזען צוזאמענקלייבען זיך און צו פארנעהמען איינגע שטארקע פאזיציעס אין פאריז. די דאזיגע ווייכקייט און גוטמוטיגקייט פון די באוואפענטע ארבעטער, וואס איז אזוי מותר די רגילות'ן פון דער ארדנונגס־פארטיי, האט די דאזיגע פארטיי אנגענומען פאר א סימן פון שוואכקייט. און לכן איז געקומען אזא מין נארישער פלאן. זיי האבען געפרובט אונטער דעם נאמען פון א אומבאוואפענטער דעמאנסטראציע דערגרייכען דאס, וואס עס האט זיך ניט איינגעגעבען ווינוי מיט די הארמאטען און מאשינען־געווהר. דעם 22. מערץ האט זיך געלאזט פון די רייכע שטאדט־טיילען א דעמאנסטראציע פון „פיינע העררען" מיט אלע הולטאיעס בתוכם, בראש פון דער דעמאנסטראציע זיינען געגאנגען די אלטע באקאנטע פון קיסרטום, די העקערען, סייטלאגיון, אנרי דע פען וכד. זיי האבען פארזיכערט, אז זיי ארדענען איין א פרידליכע דעמאנסטראציע, באמת'ן אבער זיינען זיי געוועזן באוואפענט. די דאזיגע באנדע האט אנטוואפענט די פאטרולען פון דער נאציאנאל־גווארדיע, וועלכע זי האט געטראפען אויפ'ן וועג, און ארייננרייסענדיג זיך פון רי דע לא פע אין דער פלאס וואנדאם, האבען זיי געפרובט, אויסרופענדיג: נידער מיט דעם צענטראל־קאמיטעט! נידער מיט די מערדער! זאל לעבען די נאציאנאל־פארזאמלונג! דורכרייסען די וואך און אנפאלען אויף דעם שטאב פון דער נאציאנאלער גווארדיע, וואס איז געלעגען ניט ווייט פון הינטען. זיי האבען געשאסען פון רעוואלווערען, די וואך האט געענטפערט מיט דער אויפפארערונג פונאנדערצוגעהן זיך; אבער, בעת מען האט דערזעהן, אז דאס העלפט ניט, האט דער גענעראל פון דער נאציאנאלער גווארדיע געהייסען שיסען. א י י ן א י י נ צ י ג ע ר זאלפ האט צוטריבען די פראנטעוואטע טיפשים, וועלכע האבען געמיינט, אז עס איז גענוג ארויסצושטעלען זייער „אנשטענדיגע געזעלשאפט", כדי דאס אליין זאל שוין ווירקען אויף דער פאריזער רעוואלוציע, ווי יהושע'ס שופרות אויף יריחו'ס מויערן. פון דעם צוזאמענשטויס האט געליטען די וואך. 2 גווארדיסטען זיינען געהרג'עט געווארען און 9 שווער פארוואונדעט (צווישען זיי אויך איין מיטגליד פון צענטראל־קאמיטעט). אויפ'ן פלאץ האבען זיך געוואלגערט רעוואלווערען, מעסערס און שווערדען באהאלטען אין שטעקענער, עדות פון דעם „אומבאוואפענטען" כאראקטער פון דער „פרידליכער" דעמאנסטראציע. בעת די פאריזער נאציאנאלע גווארדיע האט דעם 13. יוני 184 געמאכט טאקע באמת א פרידליכע דעמאנסטראציע, אלס פראטעסט געגען דעם רויבערישען אנפאל פון פראנצויזישע חיילות אויף רוים, האט שאנגארניע, דער דעמאלדיגער גענעראל פון דער ארדנונג־פארטיי, ארויסגעשיקט זיינע חיילות אויף דעם ניט־באוואפענטען עולם און זיי האבען געשאסען, געשטאכען מיט די שווערדען און געטראטען מענשען מיט זייערע פערד. פאר דער דאזיגער גבורה האט די נאציאנאל־פארזאמלונג און בפרט טיער אויסגערופען, אז דער גענעראל האט געראטעוועט די געזעלשאפט. דעמאלט האט מען ערקלערט אין פאריז דעם באלאגערונגס־צושטאנד; דיפאר האט דורכגעפיהרט אין דער פארזאמלונג נייע אונטערדריקונגס־געזעצען; עס האבען זיך אנגעהויבען ארעסטען און א שרעקליכער טעראר. די „אונטערשטע קלאסען" האבען דאס אבער געמאכט גאר אנדערש. דער צענטראל־קאמיטעט פון 1871 האט ניט נאכגעיאגט די העלדען פון דער „פרידליכער דעמאנסטראציע", און אויף אזא אופן זיינען זיי געווען ביכולת אין צוויי טעג ארום ווידער אמאל מאכען שוין א ב א ו ו א פ ע נ ט ע דעמאנסטראציע אונטער דער הנהגה פון אדמיראל

זעמער. די דעמאנסטראציע האט זיך אויסגעלאזען כידוע מיט דער פלטה קיין ווערזייל.
דער צענטראל־קאמיטעט האט נאך אליץ ניט געוואלט אויפנעהמען דעם בירגער־קריג,
וועלכען טיער האט אנגעהויבען מיט זיין אָנפאל אויף מאנמאַרטר; און דער גרעסטער
טעות איז טאקע געלעגען אין דערין, וואס ער איז תיכף ניט ארויס נעגען דעם דעמאָלט
שוואכען ווערזייל און ניט געמאכט א סוף מיט די פארשווערונגען פון טיער׳ען און
זיינע קליינע יונקערס. אנשטאט דאס צו טהאָן האט מען געגעבען די מעגליכקייט דער
אָרדנונג־פארטיי ביי די וואהלען פון דער קאמונע דעם 26. מערץ נאכאמאל צו מעסטען
איהרע כחות ביי דער וואהל־אורנע. אין יענעם טאָג האבען די אָרדנונג־לייט געזאגט
צו די גרויסמוטיגע זיגער אַ פּאָר ווארימע ברידערליכע ווערטער, אין הארצען אבער
האבען זיי זיך געגעבען אַ נדר נקמה צו נעהמען, אז עס וועט שלאגען אַ גוטע שעה.

און איצט טוט אַ קוק אויף דעם צווייטען זייט פון דער מטבע! טיער האט
אָנגעהויבען זיין צווייטען מארש אויף פאריז אנהויב אפריל. די ערשטע קאלאָנע פון די
פאריזער געפאנגענע איז אָנגעקומען קיין ווערזייל און דאָ איז מען ווי חיות אויף זיי
ארויפגעפאלען. ערנעסט פיקאר איז ארומגעגאנגען די הענד אין די קעשענעס און האט
אויסגעלאכט די געפאנגענע, און די פרויען פון טיער און פאוור מיט אַ קאמפּאַניע פון
זייערע עהרע (?) דאַמען האבען פון אַ הויכען באלקאָן געפּאַטשט בראַוואָ צו די מעשׂי־
תעתועים פונ׳ם ווערזיילער המון. די געפאנגענע סאלדאטען האט מען פשוט דערשאסען;
אונזער דרייסטען פריינד, גענעראל דיוואַל, דעם אייזענגיסער, האט מען אָהן קיינע שום
צערעמאָניעס דער׳הרג׳עט. גאַליפע, דער „לואי" פון זיין פרוי, וועלכער איז בעריהמט
געווארען דערמיט, וואס ער פלעגט אויף די שמחות פון דער צווייטער אימפעריע ארויס־
שטעלען בפרהסיא דעם נאקעטען לייב פון זיין פרוי, איז מיט אמאָל ארויס מיט אַ מודעה,
אז ער איז דאס יענער, וועלכער האט געהייסען דער׳הרג׳ענען די נאציאנאל־גוואַרדיסטען
מיט זייערע אָפיצירען בראש, אויף וועלכע זיינע רייטער זיינען אנגעפאלען און אָנגע־
וואָפענט. ווינוי, דעם האָז, האט טיער געגעבען דעם גרויסען צלם פון עהרען־לעגיאָן,
מחמת דעם וואס ער האט ארויסגעלאזען אַ בעפעהל, צו דערשיסען יעדער געפאנגענעם
קאָמונאר. דעם זשאנדארם דעמאַרע האט מען מזכה געווען מיט אַ מעדאַל נאר דערפאר
וויל ער האט אויף אַ פארעטערישען אופן, ווי אַ קצב, צוהאקט אויף שמיקלאך דעם
עדעלען פלוראַן, יענעם פלוראַן, וועלכער האט דעם 31. אָקטאָבער 1870 גע־
ראטעוועט די פארטיידיגונג־רעגירונג. די „איינצעלהייטען" ווי אזוי מען האט איהם
גע׳הרג׳עט האט טיער מיט הנאה דערצעהלט אין דער נאציאנאל־פארזאמלונג. דער
פארלאמענטארישער קאַרליק, דער פוסטער רודף כבוד׳ניק, וועמען מען האט דערלויבט
צו שפּילען די ראָל פון טאמערלאַן, האט זיך אָפּגעזאגט מלחמה צו האלטען מיט די
רעוואלוציאנערען אויף אַ ציוויליזירטען אופן; ער פלעגט אפילו ניט אָפּהאלטען די
נייטראליטעט פון די פארבאנדאזשירונג־פונקטען. עס איז ניטאָ קיין ערגערס, ווי די
דאזיגע מאַלפּע, אז אַזאַ מין וועט אויפקומען האט שוין וואָלטער׳ן גאזאגט דאס האַרץ,
וועלכע האט אויף אַ קורצע צייט פריי ארויסגעלאזען די תאוות פון אַ טיגער.

די קאָמונע האט ארויסגעלאָזען דעם 7. אַפּריל אַ דעקרעט, אין וועלכען זי איז
מודיע, אַז זי וועט צאהלען מיט דער זעלביגער מטבע, און אַז זי האלט פאַר איהר חוב
„צו שיצען פּאַריז פון די קאַניבאלישע מעשׂים מצד די ווערזיילער באנדיטען און צו

צאהלען עין תחת עין, שן תחת שן". מיער האט פונדעסטוועגען ניט אפגעשטעלט זיין גרויזאמע באנעהמען זיך צו די געפאנגענע; ועל כולם פלעגט ער זיי נאך באליידיגען אין זיינע באריכטען, ווי אם למשל: „די פארטרויערטע בליקען פון עהרליכע מענשען זיינען נאך קיינמאל ניט געפאלען אויף אזעלכע פנים'ער אהן ווערדע פון א ניטווערדיגער דעמאקראטיע" — ער, מיער און זיינע Ticket-of-leave-לייט — זיינען דאס די עהרליכע. פון דעסטוועגען האט מען אויף א צייט אויפגעהערט צו דערשיסען די געפאנגענע. אבער ווען מיער און זיינע דעצעמבער־גענעראלען האבען זיך דערוואוסט, אז דער עין תחת עין־דעקרעט איז נאר א פוסטער סטראשונאק, אז אפילו זיינע שפיאנען, וואס זיינען געווען איבערגעטהאן פאר נאציאנאל־גוואַרדיסטען און די פאליציי־סערזשאנטען, וועלכע האבען געטראגען אונטערציינדונגס־באמבעס, האט מען גארנישט געטהאן — האט מען ווידער אמאל אנגעהויבען מאסענווייז צו דערשיסען די געפאנגענע. הייזער, וואו עס האבען זיך באהאלטען נאציאנאל־גוואַרדיסטען זיינען ארומגערינגעלט געווארען פון זשאנדארמען, באגאסען געווארען מיט נאפט (וועלכע מען באנוצט דא צום ערשטען מאל) און מען האט זיי אונטערגעצונדען. שפעטער האט א לאזארעט אין לעטערן ארויס־גענומען די האלב פאר'שרפ'עטע בר־מינן'ס. פיער נאציאנאל־גוואַרדיסטען האבען זיך איבערגעגעבען דעם 25. אפריל ביי בעל עפין אנ'אפטיילונג פון יעגערס; דער עדעלער אפיציער, א קנעכט וואס איז ווערט זיין בעל־הבית גאליפע, האט זיי אבער דערשאסען. מיינענדיג, אז די קרבנות זיינען טויט, זיינען די ווערזיילער העלדען אוועקגעפאהרען ווייטער. נאר שעפער, איינער פון די פיער, איז על פי מקרה געבליבען לעבען, ער איז צוגעקראכען צו די פאריזער פארפאסטען און האט פאר א קאמיסיע פון דער קאמונע דערצעהלט די גאנצע מעשה. בעת טאלען האט אריינגעטראגען א אינטערפעליאציע וועגען דער דאזיגער עובדא און געפאדערט ביים קריגס־מיניסטער א תשובה, האבען די קליינע יונקערס אנגעהויבען צו שרייען און אויף אזא אופן ניט געלאזט איהם רעדען. דעם קריגס־מיניסטער לעפלא האבען זיי פארוועהרט צו ענטפערען. מען וואלט דאך באליידיגט די „העלדישע" חיילות, ווען מען וואלט רעדען מכח זייערע מעשים. דער אפגעלאזענער טאן, מיט וועלכען טיער האט אפגעגעבען א באריכט וועגען דעם, ווי אזוי מען האט ביי מולען סאקע דער'הרג'עט נאציאנאל־גוואַרדיסטען, אויף וועלכע מען איז אנגעפאלען בעת זיי האבען געשלאפען, וועגען די מאסען־דערשיסונגען אין קלאמאן, האט שוין פארטשעפעט אפילו די נערווען פון דער לאנדאנער „Times", וואס נעהמט באמת ניט אזעלכע זאכען שטארק צום הארצען. עס וואלט געווען צום לאכען, ווען מען וואלט נעהאט בדעה איבערצוצעהלען אלע מעשי־תעתועים וואס עס האבען אפגעטהאן פון אנהויב אן די באשיסערס פון פאריז און די העצער צו דער מרידה אונטער דעם שוץ פונ'ם פרעמדען זיגער. אין דעם דאזיגען גאנצען שרעק פארגעסט טיער זיין גאנצען פארלאמענטארישען געיאמער מחמת דער גרויסער אחריות, וואס ליגט אויף זיינע קארליק־פלייצעס און ער בארימט זיך, אז l'Assemblée siége paisiblement (די פארזאמלונג ארבעט בשלום ווייטער). ער ווייזט דורך שמחות, היינט מיט דעצעמבער גענעראלען, מארגען מיט דייטשע פרינצען, אז ער קען נאך אסך פאר־טראגען, און אז ער לאזט זיך ניט שטערען אפילו פון די שאטענס פון לעקאן און קלעמאן טאמא.

III.

דער 18. מערץ 1871 אין דער פריה איז פאריז אויפגעשטאנען אונטער די דונערדיגע געשרייען: „זאל לעבען די קאָמונע!" וואס איז די קאמונע, דער דאזיגער ספינקס, וואס האט אָנגעהויבען צו עקבערען דעם בורזשואזען מוח?

דער צענטראל קאמיטעט האט ארויסגעלאָזען דעם 18. מערץ א מאניפעסט, וואו עס ווערט געזאָגט: „די פראלעטאריער פון פאריז האבען אין א צייט פון מפלות און פארראט פון די הערשענדיגע קלאסען פארשטאנען, אז עס האט געשלאָגען די שעה, ווען זיי מוזען ראַטעווען די גאנצע לאגע, אז זיי מוזען איבערנעהמען אין די אייגענע הענד די גאנצע אנפיהרונג מיט אלע ענינים . . . זיי האבען פארשטאנען, אז איצט איז עס זייער העכסטער חוב און אבסאָלוטער רעכט צו ווערען אליין אַ האַר איבער זייער אייגענעם גורל און איבערצונעהמען די מלוכה־מאכט." — אבער דער ארבעטער קלאס קען נים פשוט נעהמען א פארטיגען מלוכה־אפּאראַט און פארווענדען איהם פאר אייגענע צוועקען.

די צענטראליזירטע מלוכה־מאַכט מיט אלע איהר היינטיגע אָרגאנען — ארמעע, פּאָליציע, ביוראָקראַטיע, גייסטליכקייט, ריכטער, אָרגאנען, וואס זיינען געשאפען לויט דעם פּלאַן פון א סיסטעמאטישער יעראַרכישער אַרבעטס־טיילונג — שטאמט פון די צייטען פון דער אבסאָלוטער מאנארכיע, וואו זי איז געווען א שטארקער געוועהר אין די הענד פון דער אויפקומענדיגער בורזשואזער געזעלשאפט בעת איהר קאמף מיט'ן פעאדאליזם. נאר עס איז נאך געבליבען אַ היפשע ביסעל מיטעלאלטערישע מיסט, וואס האט פארהאלטען איהר אנטוויקלונג. דאס זיינען געווען כל'ערליי אדעל־ און לאָקאַל־פּריווילעגיעס, שטאדטיגע און צעכען־מאָנאפּאלען און פּראָווינץ־קאנסטיטוציעס. דער גרויסער בעזים פון דער פראַנצויזישער רעוואלוציע אין 18. יאהרהונדערט האט אויסגעקעהרט די אלע שיריים פון די פארגאנגענע צייטען. אויף אַזאַ אופן איז אָפּגעד רייניגט געווארען דער געזעלשאפטליכע באָדען פון אלע יענע מניעות, וואס זיינען געלעגען אויף דעם וועג פון דער נייעם מלוכה־בנין. דער לעצטער איז אויסגעוואקסען בעת דער ערשטער אימפעריע, וואס איז אליין אויפגעקומען פון יענע קאָאליציע־מלחמות, וועלכע עס האט געפיהרט די אלטע האַלב־פעאָדאַלע איראָפּע געגען דער מאדערנער פראַנקרייך. בעת דער פאלגענדיגער הערשאַפט־פאָרם איז די רעגירונג געשטעלט געווארען אונטער דעם קאָנטראָל פונ'ם פּארלאמענט, דאס הייסט: אונטער דעם דירעקטען קאנטראל פון די הערשענדיגע קלאַסען. פון איין זייט האט די מאדערנע מלוכה־מאַכט געמאכט קאָלאָסאַלע חובות און ארויפגעלעגט גרויסע שטייערען; מחמת איהר אַטט־מאַכט, איהרע הכנסות און איהרע שטעלעס איז זי געווארען דער סלע המחלוקת פון די קאָנקורירענדיגע פּראַקציעס און כל'ערליי אַוואנטוריסטען פון די הערשענדיגע קלאַסען — פון דער אנדערער — האט זיך איבערגעאנדערט איהר פּאליטישער כאַראַקטער אין דער איינענער צייט ווי עס זיינען אריינגעטראָטען עקאָנאָמישע שינויים אין דער געזעלשאפט. אויף וויפיעל דער פאָרטשריט פון דער מאדערנער אינדוסטריע האט אנטוויקעלט, דערווייטערט און פארטיפט די קלאַסען סתירות צווישען קאפּיטאל און ארבעט, אין דער זעלביגער מאָס האט די מלוכה־מאַכט אלץ מעהר און מעהר אנגענומען דעם כאראקטער פון אַנ'עפענטליכער

מאַכט אויף צו אונטערדריקען דעם ארבעטער־קלאס, זי איז געוואָרען אַ מאשינע פון קלאַסענהערשאפט. נאָך יעדער רעוואָלוציע, וואס איז דער סימן פון אַ פארשריט אינ׳ם קלאסענקאמף, ווייזט זיך ארויס אלץ בולט׳ער און אָפענער דער אונטערדריקונגס־כאראקטער פון דער מלוכה־מאכט. די רעוואלוציע פון 1830 האט איבערגעטראגען די רעגירונג פון די פריצים צו די קאפיטאליסטען, דאס הייסט: פון די ווייטע צו די דירעקטע געגנער פון׳ם פראלעטאריאט. די בורזשואזע רעפובליקאנער, וועלכע האבען גענומען אין די הענד דעם מאכט־רודער אין דעם נאָמען פון דער פעברואַר־רעוואלוציע, האבען איהם אויסגענוצט אויף צו מאכען די יוני׳ער שחיטות, כדי צו דערווייזען דעם ארבעטער־קלאס, אז די „סאציאלע“ רעפובליק איז ניט מעהר ווי די סאציאלע פארשקלאפונג דורך דער רעפובליק; און דער מאנארכיסטישער מאסע פון בורזשואזיע און פריצים צו דערווייזען, אז זי קען די נוצען און די שאָדענס רוהיג איבערלאזען די בורזשואזע רעפובליקאנער. אָפּטועענדיג די גבורה פון יוני, האבען די בורזשואַ־רעפובליקאנער ניט געהאט מעהר וואס צו טהאָן און זיי האבען פארלאָזען זייער אויבען־אָן אין דער „ארדנונג־פארטיי“ און זיינען געווארען אַנ׳איינפאכער גליד פון דער דאזיגער פארטיי. זי, די דאזיגע פארטיי, איז באַשטאנען פון אַ קאָאַליציע פון אלע פראקציעס פון די הערשענדיגע קלאסען, וואס האבען קאָנקורירט איינע מיט די אנדערע, געבויט אויף דער אָפענער סתירה צווישען זיי און די ארבעטענדיגע קלאסען. אנ׳אָנגעמאָסטענע פאָרם פון דער דאזיגער רעגירונג איז געווען די פארלאמענטארישע רעפובליק מיט לואי באנאפארט אלס פרעזידענט; אַ רעגירונג מיט דעם אָפענעם קלאסען־טעראָר און מיט אַ ווילען צו באליידיגען „vile multitude“ (דעם נידערטרעכטיגען המון). אויב די פארלאמענטארישע רעפובליק איז די מלוכה־פארם, וואס פאראייניגט אמבעסטען די פראקציעס פון הערשענדיגען קלאס, עפענט זי אבער, ווי עס זאגט טיער, אנ׳אָפּגרונד צווישען דעם דאזיגען קלאס און דעם גאנצען געזעלשאפטליכען קערפער, וואס שטעהט מחוץ פון זיינע שיטערע שורות. די מחיצות, וואס פלעגען געשאפען ווערען אין די צייטען פון די פריהערדיגע רעגירונגען דורך די שפאלטונגען אין דעם קלאס, וועלכער איז געשטאנען ביים רודער, זיינען איצט בטל געווארען אַ דאנק דער פאראייניגונג. שטעהענדיג פאר דער סכנה, פון אַ פראלעטארישען אויפשטאנד, האט דער פאראייניגטער הערשענדיגער קלאס באנוצט די מלוכה־מאכט, געמיין און אָהן רחמנות אלס נאציאנאלען מלחמה־וואפען פון קאפיטאל געגען דער ארבעט.

דער שטענדיגער קאמף, וואס דער פאראייניגטער רייכער קלאס האט אָהן אַנ־אויפהער געפיהרט געגען די ארבעטענדיגע מאסען, האט איהם געצוואונגען צו פארגרעסערן די אויספיהרענדיגע מאכט מיט אַ אונטערדריקונגס־מאכט; נאָך מעהר ביי זיין איינענער פארלאמענטארישער פעסטונג — ביי דער נאציאנאל־פארזאמלונג — האט ער מיט דער צייט אפגענומען אלע מיטלען פון פארטיידיגונג געגען דער אויספיהרענדיגער מאכט. בראש פון דער מלוכה איז געשטאנען די אויספיהרענדיגע מאכט, אויסגעדריקט אין דער פערזענליכקייט פון לואי באָנאפארט. דער לייבליכער יורש פון דער רעפובליק און דער „אָרדנונגס־פארטיי“ איז געווען די צווייטע אימפעריע.

די צווייטע אימפעריע, וואס די מלוכה־איבערקעהרעניש איז געווען איהר מעטריקע, דער אלגעמיינער שטימרעכט — איהר באשטעטיגונג און דער שווערד איהר צעפטער, האט זיך כלומר׳שט סומך געווען אויף די פויערים, אויף יענער גרויסער מאסע פון

ארבעטענדיגע, וואס האבען ניט געהאט אַ דירעקטע שייכות צום קאמף צווישען קאפיטאל און ארבעט. זי האט געמאכט דעם אָנשטעל, אז זי וויל ראטעווען דעם ארבעטער־קלאס דערמיט, וואס זי האט געבראכען דעם פארלאמענטאריזם און איגאיינעם מיט איהם די הכנעה אונטער די הערשענדיגע קלאסען, אין וועלכער עס איז אָפען געשטאנען די רעגירונג. זי האט געמאכט אַ מינע, אז זי האט בדעה צו ראטעווען די הערשענדיגע קלאסען דורך דעם, וואס זי וועט אונטערהאלטען זייער עקאנאמישע שליטה איבער דעם ארבעטער־קלאס. און צום סוף האט זי כלומר׳שט געוואלט פאראייניגען אלע קלאסען, ברענגענדיג אויף מ׳ניי צום לעבען די אילוזיע פון נאציאנאלער העלדישקייט. באמת׳ן איז די אימפעריע געווען אין יעדער צייט די איינציג־מעגליכע רעגירונג־פאָרם, ווייל די בורזשואַזיע האט פארלאָרען איהר פעהיגקייט צו באהערשען די נאציע, און דעם פראלעטאריאט האט די דאזיגע פעהיגקייט געפעהלט. די גאנצע וועלט האט מיט שמחה אויפגענומען די אימפעריע, אלס דעם גואל פון דער געזעלשאפט. אונטער איהר ממשלה האט די בורזשואַ־געזעלשאפט, וועלכע איז פטור געווארען פון אלע פאליטישע דאגות, דערגרייכט אַזאַ מדרגה פון אנטוויקלונג, וואס איהר אליין האט זיך גאר קיינמאָל ניט גע׳חלום׳ט. ברייט האט זיך פארשפרייט איהר אינדוסטריע און האנדעל; דער פינאנץ־שווינדעל האט זיך צובושעוועט און געפראַוועט זיינע קאָסמאָפאָליטישע ימים־טובים, און בולט איז געשטאנען די נויט פון די מאסען אנטקעגען דער פאַראַד פון דעם בלישטשענדיגען לוקסוס, וואס האט ניט געוואוסט קיין ברעגעס און פון וועלכען עס האט אזוי געשמעקט מיט שווינדעל. די מלוכה־מאכט, וואס האט כלומר׳שט געשוועבט אין דער הויך איבער דער געזעלשאפט איז געווען דער סקאַנדאַל שבסקאַנדאַלים פון דער דאזיגער געזעלשאפט גופא, און אין דער אייגענער צייט דער אָרט, פון וועלכען עס האט געשפראָצט איהר גאנצע פארפוילטקייט. פרייסען׳ס באגנעטען האבען אויפגערירט דעם הויפען מיסט, וואס האט זיך אָנגעקליבען אי ביי איהר אי ביי דער געזעלשאפט, וואס זי האט געראַטעוועט. פרייסען אליין האט קוים דערוואַרט די מינוט, ווען זי וועט קענען אריבערטראָגען דעם מיטעלפונקט פון דער דאזיגער ממשלה קיין בערלין.

דער אימפעריאליזם איז די סאַמע פראָסטיטואירטסטע און אין דער אייגענער צייט די לעצטע פאָרם פון יענער מלוכה־מאכט, וואס עס האט געשאפען די אויפקומענדיגע בירגערליכע געזעלשאפט. דעמאלט האט זי די דאזיגע געזעלשאפט באפרייט פונ׳ם פעאָדאליזם; היינט האט זי געמאכט פון דער פולקאָם אנטוויקעלטער בורזשואזער געזעלשאפט אַ געצייג פאר פארשקלאפען די ארבעט ביים קאפיטאל.

פונקט דער היפך פון דער אימפעריע איז געווען די קאָמונע. מיט דעם רוף „סאציאלע רעפובליק" אויף די ליפען האט דער פאריזער פראלעטאריאט אָנגעהויבען די פעברואר־רעוואלוציע, און דאס איז געווען נאך דער ניט־קלאָרער פארלאנג צו שאפען אַזאַ מין רעפובליק, וואו עס זאל נעהמען אַ סוף ניט בלויז צו דער קלאסען־הערשאפט אין דער מאנארכיסטישער פאָרם, נאר וואו עס זאל במל ווערען בכלל די קלאסען־הערשאפט. די קאמונע איז געווען די באשטימטע פאָרם פון אַזאַ מין רעפובליק.

פאריז, וואס איז געווען דער מיטעל־פונקט און דער אָרט, וואו עס איז געזעסען די אלטע מלוכה־מאכט און אין דער אייגענער צייט דער געזעלשאפטליכער שווערפונקט פון דעם פראנצויזישען ארבעטער־קלאס האט זיך מיט געווער אין די הענד געשטעלט

אנטקעגען דעם פרוב פון טיער'ן און זיינע קליינע יונקערס ווידער איינצופיהרען אויף אייביגע יאָהרען די אלטע רעגירונג־מאכט, וועלכע זיי האבען איבערגענומען פון דער אימפעריע. פאריז איז געווען בכח נאר צו פארטיידיגען זיך, ווייל מחמת דער באלאגערונג האט ער פארלאָרען די ארמעע, און אויף איהר אָרט האט ער געשאפען אַ נאציאנאלע גוואַרדיע, וואס איז בעיקר באשטאנען פון ארבעטער. פון דער דאזיגער נאציאנאלער גווארדיע האט מען איצט געדארפט מאכען אַ שטענדיגע איינריכטונג. און מהאי טעמא האט די קאָמונע ראשית כל ארויסגעלאזען אַ דעקרעט, מיט וועלכען זי שאפט אָפּ די שטענדיגע ארמעע און באוואָפענט אויף איהר אָרט דאס פאָלק.

די קאָמונע איז באשטאנען פון שטאָדט־ראַט־מענער, וועלכע מען האט געוועהלט דורך אלגעמיינעם שטים־רעכט אין די פארשיידענע טיילען פון פאריז. זיי זיינען געווען פאראנטווארטליך פאר די וועהלער און צו יעדער צייט האט מען זיי געקענט אָפּזאגען. פארשטעהט זיך, אז דאס רוב זיינען דאס געווען ארבעטער אדער אנערקענטע פארטרעטער פונ'ם ארבעטער־קלאַס. די קאמונע האט געזאלט זיין ניט קיין פּאַרלאַ־מענטאַרישע, נאר אנ'ארבעטענדיגע קערפערשאפט, אין וועמעס הענד עס ליגט די גע־זעצגעבערישע, און די אויספיהרענדיגע מאַכט. ביי דער פּאָליציי, וואס איז געווען אַ געצייג אין די הענד פון דער אלטער מלוכה־רעגירונג, האט מען צוגענומען אלע איהרע פּאָליטישע איינגעשאַפטען, און די קאָמונע האט איהר אריינגענומען צו זיך אין די הענד אריין. אויף דער פּאָליציי איז אויך געווען חל דער געזעץ פון אחריות און אפּזאגען. דאס זעלבינע איז געווען אויך מיט די באַאַמטע פון די אנדערע פארוואלטונג־צווייגען. יעדערער, וואס האט פארנומען אַ קהל'שע שטעלע, אנהויבענדיג מיט די קאָמונע־מיט־גלידער און ווייטער אַראָפּ צו, האט באקומען זיינע שכירות. אויף אזא אופן זיינען אינאיינעם מיט די העכערע מלוכה־באַאַמטע בטל געווארען אלע זייערע פּריווילעגיעס. די קהל'שע שטעלעס האבען אויפגעהערט צו זיין דאס פּריוואַטאייגענטום פון די משרתים פון דער צענטראל־רעגירונג. אין די הענד פון דער קאָמונע איז איבערגעגאנגען ניט בלויז די שטאָדטיגע פארוואלטונג, נאר די גאנצע איניציאטיוו, וואס עס האט ארויסגעוויזען די מלוכה.

אָפּשאַפענדיג די ארמעע און פּאָליציע, די געצייג פון מאטעריעלער מאַכט ביי דער אלטער רעגירונג, האט זיך די קאָמונע תיכף גענומען צו דעם גייסטיגען אונטער־דריקונגס־געצייג, צו די גלחים. זי האט ארויסגעלאזען א דעקרעט, אין וועלכען זי האט דערקלערט, אז פון היינט אָן ווערט א סוף צו דער קירכע און האט אָפּגענומען ביי איהר דאס גאנצע אייגענטום. די גלחים האט מען געשיקט געניסען פון דער מנוחה אין זייער פּריוואַט־לעבען און זיך מפרנס זיין, ווי א מאָל די אפּאסטאלען, מיט נדבות. אלע לערן־אנשטאלטען האט מען בחינם געעפענט פאר דעם פאָלק; די מלוכה, אזוי גוט ווי די קירכע, האט זיך ניט געטאָרט אהין אריינמישען. אויף אזא אופן האבען זיך די טירען פון די שולען ברייט געעפענט פאר יעדערען, און ניט אליין דאס, דערמיט האט מען נאָך מעהר דערגרייכט. מען האט באפרייט די וויסענשאַפט פון יענע קייטען, וועלכע עס האבען אויף איהר ארויפגעלעגט די רעגירונג־מאַכט און די קלאַסענפאראורטיילען.

די אלע דינער פון דער יוסטיץ האבען פארלאָרען זייערע כלומר'שטע אומאָפּ־הענגיגקייט, וואס האט צוגעדעקט זייער הכנעה פאר יעדער רעגירונג, וועלכע פלעגט זיך זעצען אויפ'ן בענקעל. יעדער רעגירונג פלעגען זיי שווערען טרייקייט, און אז עס

פלעגט קומען א נייע, פלעגן זיי ברעכן די אלטע שבועה און שווערן אויף ס׳ניי. די זיינען אויך געשטעלט געווארן אונטער דעם געזעץ פון געוועהלט ווערען, פאראנטוואָרטליכקייט פאר די וועהלער און קענען אָפּגעזאָגט ווערען.

די פּאריזער קאָמונע האט, פארשטעהט זיך, געזאָלט זיין אַ מוסטער פאר אַלע גרויסע צענטראַלע פּראָדוקציע־פונקטען פון פראנקרייך. ווערט איינגעפיהרט דער קאָמונע־סדר אין פּאַריז און אין די צענטראלע פונקטען פון דער צווייטער מדרגה, וועט אין די פּראָווינצען די אלטע צענטראליזירטע רעגירונג מוזען אפּטרעטען דעם אָרט דער זעלבסט־רעגירונג פון די ארבעטענדיגע. אין א קורצען פּראָיעקט וועגען נאציאנאלער אָרגאניזאציע, וועלכען די קאָמונע האט ניט געהאט קיין צייט וויטער אויסצוארבעטען, איז בפירוש געזאגט, אַז די קאָמונע איז די פּאליטישע פאָרם אפילו פאר׳ן קלענסטען דאָרף, און אז דאס דאָרטיגע מיליטער מוז אָפּגעשאפט ווערען, און עס דארף איינגעפיהרט ווערען אַ פאָלקס־מיליץ מיט א גאָר קורצער דינסטצייט. די דאָרף־קהלות פון א קרייז דארפען אויס־קלייבען אַ דעפוטאטען־פארזאמלונג, וואס זאל זיצען אין דער קרייז־שטאָדט און פאר־וואַלטען מיט אלע ענינים. די דאָזיגע קרייז־פארזאמלונג קלייבט איהרע דעפוטאטען צו דער נאציאנאל־דעלעגאציע אין פאריז; די דעפוטאַטען זיינען געבונדען מיט אינ־סטרוקציעס פון זייערע וועהלער און קענען אלעמאָל אָפּגערופען ווערען. די איבעריגע פונקציעס, וואס זיינען געבליבען פאר דער צענטראל־רעגירונג, דארפען איבערגעגעבען ווערען קאָמונאלע, ד. ה. אחריות׳פולע באַאמטע. די שונאים פון דער קאָמונע האבען גע׳טענ׳עט, אז דער פּראָיעקט שאַפט אָפּ די דאזיגע פונקציעס, אבער דאס איז נאר געווען א פעלשונג פונ׳ם פּראיעקט מצד שונאים. די איינהייט פון דער נאַציע האט ניט געזאָלט געבראָכען ווערען, נאר פארקעהרט זי האט געדארפט אָרגאניזירט ווערען דורך א קאָמונאלע קאנסטיטוציע. די דאזיגע איינהייט האט געזאלט מקוים ווערען דורך צושטערען יענער מלוכה־מאַכט, וועלכע איז כלומר׳שט געווען די פארקערפּערונג פון דער דאזיגער איינהייט. אין דער אמת׳ן האט די דאזיגע מלוכה־מאַכט, דער פאראַזיט אויף דעם קערפּער פון דער נאציע, געוואלט שטעהן אומאָפּהענגיג און שטאַרקער לגבי דער נאציע. פארניכטען האט מען געדארפט נאר די אונטערדריקונגס־אָרגאנען פון דער אלטער רעגירונגס־מאַכט, אבער איהרע בארעכטיגטע פונקציעס האט מען געדארפט איבערנעהמען און איבערגעבען אין די הענד פון פאראנטוואָרטליכע דינער פון דער געזעלשאַפט. אנשטאַט איין מאָל אין דריי אָדער זעקס יאָהר צו באַשטימען, וועלכער מיטגליד פון דעם הערשענדיגען קלאַס איז ראוי צו פארטרעטען און צוטרעטען דאס פאָלק אין פּארלאמענט, האט דאס ארבעטס־פאלק, קאָנסטיטואירט אין קאָמונעס, באַקומען דעם אלגעמיינער שטימרעכט, און ער האט דאס געקענט אויסנוצען פונקט אזוי, ווי עס נוצט אויס זיין אינדיווידועלען שטימרעכט יעדער ארבעטס־געבער, בעת ער קלייבט אויס פאר זיין געשעפט אנ׳ארבעטער, אנ׳אויפזעהער אדער א בוכהאלטער. און מען דארף גאָר ניט דערווייזען, אז אַ געזעלשאפט קען, פונקט אזוי גוט ווי א יחיד, אויסקלייבען דעם פּאַסיגען מענשען פאר דעם אדער אנדער ענין; נארט מען זיך אבער אָפּ, קען מען גרינג דעם טעות פארריכטען. פון דעם אנדער צד אבער איז פאר דעם גייסט פון קאָמונע קיין זאַך ניט געווען אַזוי פרעמד, ווי פארביטען דעם אלגעמיינעם שטימרעכט דורך יעראַרכישע באשטימונגען פון אויבען.

די נייַע שאַפונגען פון דער געשיכטע האָבען שוין תמיד אַזאַ גורל: מען האַלט זיי פאַר אַ פּאָר מיט יענע אַלטע און אפילו אָפּגעלעבטע פאָרמען פונ׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען, אויף וועלכע זיי זיינען אַ ביסעל ענליך. אַזוי האָט מען אין דער נייער קאָמונע, וועלכע ברעכט די מאָדערנע מלוכה־מאַכט, געזעהן די ווידעראויפלעבונג פון די מיטעלאַלטערישע קאָמונעס, וואָס האָבען עקזיסטירט נאָך פריהער פאַר דער דאָזיגער מלוכה־מאַכט און וואָס זיינען דערנאָך געוואָרען איהר יסוד. — אין די קאָמונאַל־פאַרזאַמלונגען האָט מען געזעהן דעם פּרוב צו שאַפען אַ בונד פון קליינע מלוכות, ווי עס האָבען דערפון געחלומ׳ט מאָנטעסקיע און די זשיראָנדיסטען. דער דאָזיגער בונד פאַרבייט די איינהייט פון די גרויסע פעלקער, וועלכע איז געוואָרען אַ מעכטיגער פאַקטאָר אין דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציע, הגם דערגרייכט האָט מען איהר ביד חזקה. אין דער סתירה צווישען דער קאָמונע און דער מלוכה־מאַכט האָט מען איינגעזעהן אַ מגוזם׳דיגע פאָרם פונ׳ם אַלטען קאַמף געגען איבערצענטראַליזאַציע. אין אַנדערע לענדער האָבען באַזונדערע היסטאָרישע אומשטאַנדען געקענט וועהרען אַ מניעה אָדער פאַרקעהרט געקענט גינציגער מאַכען די קלאַסישע אַנטוויקלונג פון דער בורזשואַ־רעגירונג פאָרם, ווי זי איז געוועזען אין פראַנקרייך. אַט אין ענגלאַנד למשל זיינען די גרויסע צענטראַלע מלוכה־אָרגאַנען דערפילט געוואָרען דורך פאַרדאָרבענע גלחים־פאַרזאַמלונגען (vestries) דורך שטאָדט־ראַטמענער וואָס זיינען שווינדלער, דורך צורייצטע פאַרוואַלטער פון אַנשטאַלטען פאַר אָרימע און דורך שופטים פון די דערפער, וואָס זייער שטעלע פלעגען זיי באַקומען בירושה.

די קאָמונאַלע קאָנסטיטוציע וואָלט אָבער אָפּגעגעבען דעם געזעלשאַפטליכען קערפּער אַלע יענע כחות, וואָס עס האָט ביז אַהער אויפגעפרעסען דער פּאַראַזיטען־געוואוקס „די מלוכה“, וועלכע ציהט איהר יניקה פון דער געזעלשאַפט און לאָזט איהר ניט פריי באַוועגען זיך. דורכדעם אַליין וואָלט שוין אָנגעהויבען זיך די ווידער אויפלעבונג פון פראַנקרייך. — דער מיטעל־קלאַס פון די פּראָווינץ־שטעדט האָט אין דער קאָמונע געזעהן דעם פּרוב אויפצושטעלען זיין שליטה איבער׳ן דאָרף, וועלכע ער האָט געהאַט ביי לואי פיליפּ, און פאַרלאָרען ביי לואי באָנאַפּאַרט. דער לעצטער האָט כלומר׳שט געגעבען דעם דאָרף די שליטה איבער׳ן שטאָדט. אין דער אמת׳ן אָבער האָט די קאָמונאַלע קאָנסטיטוציע געמיינט צו שטעלען די דאָרפישע אַרבעטענדיגע אונטער דער גייסטיגער הנהגה פון די קרייז־שטעדט און איבערגעבען זייערע אינטערעסען אין די זיכערע הענד פון זייער נאַטירליכע פאָרטרעטער, די שטאָדטיגע אַרבעטער. — דער קיום פון דער קאָמונע אַליין האָט שוין געבראַכט מיט זיך די אָרטיגע זעלבסטרעגירונג אָבער איצט ניט אַלס געגענגעוויכט געגען דער אָפּגעשאַפטער מלוכה־מאַכט. ביסמאַרק׳ן איז אריין אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז די פּאַריזער קאָמונע האָט אַ בענקשאַפט נאָך יענער קאַריקאַטור פון דער אַלטער פראַנצויזישער שטעדט־קאָנסטיטוציע, נאָך דער פּרייסישער שטעדט־אָרדנונג, וועלכע האָט דערניעדריגט די שטאָדטיגע פאַרוואַלטונגען ביז צו פּשוט׳ע רעדלאַך אין דער פּרייסישער מלוכה־מאַשינעריע. אַזאַ געדאַנק האָט געקענט אַריינפאַלען נאָר ביסמאַרק׳ן, וועלכער וואָלט מיט גרויס חשק ווידער גענומען זיך צו זיין גייסט פּאַסענדיגער אַלטער מלאכה, מיטאַרבעטען אין „קלאַדעראַדאַטש“, אויב ער וואָלט ניט געווען פאַרנומען מיט זיינע אייזען־ און בלוט־אינטריגעס.

— די קאמונע האט פארווירקליכט דעם לאָזונג פון יעדער בירגערליכער רעוואלוציע — א וואָלוועלע רעגירונג — דערמיט וואס זי האט אָפּגעשאַפט די ארמעע און די ביוראָקראטיע, וואס האבען אזוי פיל אָפּגעקאָסט דער מלוכה. איהר קיום אליין האט שוין פאראויסגעזעצט דעם ניט־זיין פון דער מאָנאַרכיע, וואס איז געווען, לכל הפחות אין אייראָפּע, די משא און די מאסקע פון דער קלאַסען הערשאַפט. זי האט געשאפען אין דער רעפּובליק א יסוד פאר דעמאקראטישע איינריכטונגען. באמת'ן אבער איז איהר ענדעציל געווען ניט די „וואָלוועלע רעגירונג" און ניט די „אמת'ע רעפּובליק"; ביידע זיינען זיי געוואָרען אגב אורחא.

דאס וואס די קאמונע איז אויסגעטייטשט געווארען אויף פארשיידענע אופנים און דאס וואס עס האבען זיך אין איהר אויסגעדריקט אזעלכע פארשיידענע אינטערעסען, איז א סימן, אז זי איז געווען א זעהר בויגעוודיגע פאליטישע פאָרם, בעת אלע פריהער־דיגע רעגירונגס־פאָרמען זיינען אין תוך אריין געווען באדריקעריש. איהר אמת'ער סוד איז געווען דער: קודם כל איז זי געווען א ר ע ג י ר ו נ ג פ ו נ ' ם א ר ב ע ט ע ר ־ ק ל א ס, א פועל יוצא פון קאמף פון דעם ארבעטענדיגען קלאס געגען דעם הערשענ־דיגען; דאס איז די פאליטישע פאָרם, אונטער וועלכער עס האט געקענט דורכגעפיהרט ווערען די עקאנאמישע באפרייאונג פון אַרבעט.

אָהן דעם דאזיגען לעצטען תנאי איז די קאָמונאלע קאָנסטיטוציע אַנ'אומעגליכקייט. עס קען זיך ניט האלטען די פּאָליטישע הערשאפט פון ארבעטענדיגע, בעת זיי זייגען אויף אייביגע יאָהרען געזעלשאַפטליך פארשקלאַפט. לכן האט די קאָמונע געדאַרפט זיין דער געציוג, כדי צו צושטערען יענעם עקאָנאמישען יסוד, אויף וועלכען עס האבען זיך געהאלטען די קלאַסען און מיט זיי די קלאַסענהערשאַפט. ווערט דורכגעפיהרט די באפרייאונג פון ארבעט, ווערט דעמאלט איטליכער מענש אנ'ארבעטער, און די פּראָ־דוקטיווע ארבעט הערט אויף צו זיין אַ סימן פון א קלאַס.

עס איז א מאָדנע זאַך: פאר די לעצטע 60 יאָהר האט מען פיל געפּלוידערט און ארויסגעלאָזען א ים מיט ליטעראטור וועגען דער באפרייאונג פון די ארבעטער — אבער זאל ערגעץ וואו דער ארבעטער אליין נעהמען די זאַך אין זיינע אייגענע הענד, גיבען זיך א שאט ווידער די אפּאלאָגעטישע דרשות פון די יעניגע, וואס שטעהען אויף דעם צד פון דער היינטיגער געזעלשאפט מיט איהרע ביידע פּאָלוסען: קאפּיטאל און לוין־שקלאפעריי (דער פריץ האלט נאָך שטילערהייט אונטער די קאָמפּאַניע פון די קאפּיטאליסטען). די דאָזיגע פּארטיידיגער רעדען עפּעס פונקט אזוי ווי די קאפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט וואלט געווען אונשולדיג ווי א צנועה, פונקט ווי איהרע פּרינציפּען וואלטען ניט געווען אנטוויקעלט, איהרע אלע איינרעדענישען נאָך פּארדעקט, איהר גאנצע פּראסטיטואירטע ווירקליכקייט ניט ארויסגעשטעלט פאר דער גאנצער וועלט! זיי שרייען: די קאמונע וויל אָבשאַפען דאס פּריוואַט אייגענטום, דעם יסוד פון דער גאנצער ציוויליזאציע! יאָ, רבותי, די קאָמונע האט געוואלט טאקי אָפּשאפען יענעם קלאסען־אייגענטום, וועלכער מאַכט די ארבעט פון מאסען פאר עשירות פון יחידים. זי האט בדעה צו עקספּראפּריאירען די עקספּראפּריאַטאָרען. זי וויל טאַקי פארווירקליכען דאס אייגענטום פון יחיד, דערמיט וואס זי וועט די אלע פּראָדוקציע־מיטלען, די קרקע און דעם קאפּיטאל, וועלכע האבען עד היום געדינט אלס א מיטעל פאר פארשקלאַפען און

עקספּלאָאַטירען די ארבעט, מאַכען פאַר א געצייג פון פרייער בשותפות'דיגער ארבעט.

— דאס איז דאָך אבער דער קאמוניזם, דער „אוטאָפּישער״ קאָמוניזם! עס זיינען דאָ ביי די הערשענדיגע קלאסען מענשען, וועלכע האבען גענוג שכל, כדי איינצוזעהען, אז לענגער קען שוין ניט ציהען די היינטיגע סיסטעם — און אזעלכע לייט זיינען דאָ גענוג — זיינען זיי געוואָרען שרייענדיגע אפּאסטלען פון די קאאָפּעראטיווער פּראָדוקציע. וועט די קאאָפּעראטיווע פּראָדוקציע ניט בלייבען קיין פוסטער שווינדעל, וועט זי אָפּראַמען די קאפּיטאליסטישע סיסטעם, וועלען די קאאָפּעראטיווען רעגולירען די נאציאנאלע פּראָדוקציע און מאכען א סוף צו דער היינטיגער אַנארכיע און די שטענדיגע קאנוואולסיעס, וואס זיינען דער אומפארמיידליכער גורל פון דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע — וועט דאס ניט זיין קיין קאמוניזם, רבותי, דער „מעגליכער״ קאָמוניזם?

דער ארבעטער־קלאס פארלאנגט ניט קיין ניסים פון דער קאמונע. פאר איהר שטעהען ניט קיין פוּלקאָם פארטיגע אוטאָפּיעס, און מען דארף נאר האבען דעם פאָלקס־באַשלוס, כדי איינצופיהרען זיי אין לעבען. זי ווייס גאנץ גוט, אז כדי זיך צו באפרייען און אויסצואַרבעטען יענע העכערע לעבענספאָרם, צו וועלכער עס געהט דורך דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג אָהן אנ'אָפּהאלט די היינטיגע געזעלשאפט, דארף ער, ד. ה. דער ארבעטער־קלאס נאך אויסהאלטען לאנגע קאמפען און אַ גאנצע שורה מיט היסטאָרישע פּראָצעסען, דורך וועלכע עס וועלען זיך איינגאנצען אומבייטען די מענשען און די ארומיגע סביבה.

ניט קיין אידעאַלען דארף די קאמונע פארווירקליכען; זי דארף נאר באפרייען די עלעמענטען פון דער נייער געזעלשאפט, וועלכע האבען זיך שוין אנטוויקעלט אינ'ם שויס פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, וואס האלט ביי חרוב ווערען. פאר דעם ארבעטער־קלאס איז געווען גענוג צו האבען דעם באוואוסטזיין פון זיין שליחות און אַ העלדישע אנטשלאָסענקייט ווי געהעריג צו ארבעטען, כדי צו לאַכען פון דער גראָבער זידלעריי מצד די פּרעסע־משרתים, ווי אויך פון דער פּראָטעקציע פון יענע בורזשואזנע דאָקטרינערען, וועלכע דרש'ענען זייערע אלף־בית־אמת'ן און סעקטאַנטישע איינרעדענישען מיט גדלות פון וויסענשאפטליכען אויטאָריטעט.

די פאריזער קאמונע האט גענומען אין איהרע אייגענע הענד די הנהגה מיט דער רעוואלוציע; פּשוט'ע ארבעטער האבען זיך צום ערשטען מאָל דערוועגט אנצורירען די רעגירונגס־פּריווילעגיע פון זייערע „נאטירליכע אדונים״, די רייכע. אונטער אונגעהויערע שווערקייטען האבען זיי שטיל און עהרליך געפיהרט א אינטענסיווע ארבעט, זייערע שכירות האבען אויסגעמאכט העכסטענס אַ פינפטעל פון יענעם קליינעם לוין, וואס לויט דער מיינונג פון געלערנטען באַגלויבינגען (פּראָפ. העקסטער) איז דאס די מינדעסטע שכירות פאר א סעקרעטער פון א לאנדאָנער שולראַט. די אלטע וועלט האט געקאכט פון רציחה, קוקענדיג אויף דער רויטער פאָהן, דעם סימבאָל פון דער ארבעטער־רעפּובליק, וועלכע האט געפלאַטערט איבער דעם שטאדט־הויז.

און דאס איז פונדעסטוועגען געווען די ערשטע רעוואלוציע, וואו דער ארבעטער קלאַס איז אָפען אַנערקענט געוואָרען פאר דעם איינציגען קלאַס, וועלכער האט נאך אַ געזעלשאפטליכע איניציאַטיוו. קליינהענדלער, בעלי מלאכות, סוחרים — די גאנצע גרויסע מאַסע פון דעם פאריזער מיטעל־קלאַס האט איהם אנערקענט. אַ יוצא מן הכלל

זיינען געוועזן די רייכע קאפיטאליסטען. די קאמונע האט גערעטעוועט דעם מיטעל־קלאַס
דורך א קלוגער לייזונג פון דער פראגע: לווה ומלוה, וואס איז תמיד געוועזן די סיבה
פון דער מחלוקת, ווי אויך פון מיטעל־קלאס אליין. אין 1848 יאָהר האט דער זעלביגער
טייל פונ׳ם מיטעל־קלאס געהאט א חלק ביי דער אונטערדריקונג פונ׳ם יוני׳ער ארבעטער־
אויפשטאנד; תיכף נאכדעם אבער האט איהם די קאנסטיטואירענדיגע פארזאמלונג אָהן
קיינע שום צערעמאניעס מקריב געווען צו זיינע מלוה׳ס. אבער ניט נאר דאס אליין איז
געוועזן די איינציגע סיבה, וואס האט איהם איצט געבראַכט צום ארבעטער־קלאַס. ער
האט געפילט, אז עס איז נאר דאָ צו קלייבען צווישען קאמונע און אימפעריע, אָהן אַ
חילוק וואס פאר א נאמען זי וועט טראגען. די אימפעריע האט חרוב געמאכט דעם
מיטעל־קלאס דערמיט וואס זי האט גע׳פטור׳ט קהל׳שע גוץ, וואס זי האט געלאזט
אויפוואקסען דעם פינאנץ שווינדעל, דערמיט וואס זי האט צוגעהאלפען פארגיכערען
דעם פראצעס פון קאנצענטראציע פון קאפיטאל, וועלכער האט מיט זיך געבראכט די
פאראָרימונג פון אַ גרויסען טייל פון מיטעל־קלאַס. פאליטיש איז דער מיטעל־קלאַס
אונטערדריקט געווארען, די אָרגיעס פון דער אימפעריע האבען דערוועקט זיין מאָראלישען
גרימצאָרן, זיין וואלטעריאניזם איז באליידיגט געווארען דערמיט, וואס מען האט די ער־
ציהונג פון די קינדער איבערגעגעבען אין די הענד פון די „עם הארצ׳ישע ברי־
דערלאך“; דער נאציאנאלער געפיהל פון אַ פראנצויז איז אין איהם אויפגעבראכט
געווארען מחמת דעם, וואס מען האט איהם הענדום פענדום אריינגעשטויסען אין אַ
מלחמה, וועלכע האט אויף דעם אָרט פון אַלע חרבונות געקענט לאָזען נאָר — די
פארניכטונג פון דער אימפעריע. און בעת די הויכע באָנאַפּאַרטיסטישע און קאפיטא־
ליסטישע ציגיינער־באַנדע איז אַרויסגעפאָהרען פון פאַריז, איז ארויסגעטראָטען די אמת׳ע
אָרדנונגס־פארטיי פונ׳ם מיטעל־קלאס אונטער דעם נאָמען „Union Republicaine“,
זי האט זיך געשטעלט אונטער דער פאָהן פון דער קאָמונע און האט איהר פארטיידיגט
נעגען טיער׳ס ארויסטרעטונגען, אין וועלכע ער פלעגט בכיון פאר׳מיאוס׳ן די קאמונע.
צי די דאזיגע דאנקבארקייט פון דער גרויסער מאַסע פונ׳ם מיטעל־קלאַס וועט אויסהאלטען
די איצטיגע שווערע נסיונות, וועלען מיר שפעטער זעהן.

די קאָמונע איז געווען פולקאָם גערעכט, ווען זי האט געזאגט צו די פויערים:
„אונזער נצחון איז אייער האָפנונג!“ איינער פון די גרעסטע ליגענס, וואס מען האט
אויסגעטראַכט אין ווערזייל, און וואס איז וויִיט פונאנדערבעטרובעט געווארען פון דעם
העלדישען אייראָפעאישען פרעסע־זשאַוו, איז געווען דער, אז די קליינע יונקערס פון דער
נאַציאָנאַל־פארזאמלונג זיינען די פארטרעטער פונ׳ם פראנצויזישען פויערטום. מען קען
זיך פאָרשטעלען וואס פאר אַ מין ליבע דער פראנצויזישער פויער האט געהאט צו די
מענשען, וועמען ער האט געדארפט אָפּצאָהלען נאך 1815 אַ גאנצען מיליאַרד פאר
הזיקות. אין די אויגען פונ׳ם פראנצויזישען פויער איז שוין דער קיום פון די פריצים, די
גרויסע בעלי־נחלאות אַ האַנד אויף זיינע ערוָבערונגען פון 1789. אין 1848 האט דער
בורזשואַ ארויפגעלעגט אויף יעדער קליינער נחלה פון אַ פויער נאך אַ צוגאָב צום שטייער
אין דעם ערך פון 45 סאַנטים אויף דער פראַנק, ער האט דאס אבער געטהאָן אינ׳ם
נאמען פון דער רעוואלוציע; איצט האט ער אָנגעצונדען דעם פייער פונ׳ם בירגער־קריג
נעגען דער רעוואלוציע. דאס האט ער געטהאָן, כדי ארויפצולעגען אויף די פלייצעס

פונ'ם פויערטום די 5 מיליאַרד, וואס ער האט געדארפט צאָהלען די פרייסען פאר די מלחמה־היזקות. די קאמונע האט אבער דערקלערט אין איינע פון איהרע ערשטע פראָקלאמאציעס, אז ווער עס האט אָנגעהויבען די מלחמה, זאל במחילה צאָהלען די חשבונות. די קאמונע וואלט באפרייט דעם פויער פונ'ם סאָלדאַטשינע, זי וואלט איהם געגעבען אַ וואלוועלע רעגירונג, זי וואלט אַלע זיינע בלוטזויגער, דעם נאָטאר, אדוואקאט, געריכטס־באאמטער און אנדערע וואמפירען פארוואנדעלט אין באצאָהלטע קאמונאלע באַאמטע, וועלכע ער אַליין וועהלט און וואס טראָגען פאר איהם די אחריות. זי וואלט איהם באפרייט פון דער הפקר־הערשאפט מצד דעם פעלד־היטער, זשאנדארם און פרעפעקט; זי וואלט אנשטאט דעם גלח, וועלכער פארטעמפט די מוחות, אראָפּגעבראכט דעם שול־לעהרער, וואס וואלט זיי געטראגען השכלה. און דער פראנצויזישער פויער איז דאך ראשית כל אַ מענש, א בעל חשבון. ער וואלט דאס גלייך געפונען פאר אַ גרייליך קלוגע זאך, אז דער גלח זאל קריגען זיינע שכירות ניט פון דעם שטייער, וואס מען קלייבט פון יעדער איינעם, ווי דאס איז ביז איצט, נאר אז ער זאל אויסגעהאלטען ווערען פריוויליג פון זיין פרומער קהלה. אָט דאס זיינען די אלע גרויסע גוטע זאכען, וואס די הערשאפט פון דער קאמונע — און נאר זי — האט צוגעזאגט דעם פראנ־צויזישען פויער. דערפאר איז עס גאנץ איבעריג לעַנגער אָפּצושטעלען זיך אויף די אלע פארוויקעלטע אמת'ע לעבענס־פראגען, וועלכע די קאמונע אליין איז געווען ביכולת און אין דער איינענער צייט געצוואונגען צו פארענטפערן לטובת די פויערים. גענוג איז עס אָנצווייזען אויף דעם היפּאָטעקען־חוב, וואס איז ווי אַ בארג געלעגען אויף יעדער נחלה, אויף דעם דארף־פראלעטאריאט, וואס איז מיט יעדען טאָג געוואקסען אויף דער נחלה, אויף דעם פראצעס פון זיין אָפּרייסען זיך פון דער ערד, וואס איז געשווינד געוואקסען מחמת דער אנטוויקלונג אין דער מאדערנער לאנד־ווירטשאפט און דער קאנקורענץ אין דער קאפיטאליסטישער ערד־באארבעטונג.

דער פראנצויזישער פויער האט אויסגעקליבען לואי באָנאַפּארט פאַר דעם פרעזידענט פון דער רעפובליק, אָבער די ארדנונגס־פּאַרטיי האָט געשאפען די צווייטע אימפּעֶריע. וואס דער פראָנצויזישער פויער האט באַדארפט האָט ער אָנגעהויבען ארויסצווייזען אין 1849 און 50 דערמיט, וואָס ער פלעגט אומעטום ארויסשטעלען זיין בירגעֶרמייסטער אנטקעגען דעם רעֶגירונגס־גלח און אפילו געגען דעם רעגירונגס־זשאנדארם. די אלע גענעצען, וואס די אָרדנונגס־פּאַרטיי האָט ארויסגעלאזען אין יאַנואר און פעברואר 1850, זיינען געֶווען צוואנגס־מיטלען געגען די פויערים. דער פויער איז געווען א באָנאפארטיסט, וואַרום אין זיינע אויגען איז די גרויסע רעוואָלוציע מיט איהרע אַלעֶ מעלות פאר איהם געווען פאַרקערפּעֶרט אין נאַפּאלעאָן. די דאזיגעֶ אָפּנאַרעניש, וועלכע האָט שוין גע־האַלטען ביי פאַלען אונטער דער צווייטער אימפעריע (לויט איהר טבע איז זי געווען פיינדליך צו די קליינע יונקערס). דער דאזיגער פאַראורטייל פון דעם עבר, ווי וואָלט עס געקאנט איינשטעהן אנטגעגען דעם רוף פון דער קאָמונעֶ צו די פויעֶרים, צו זייעֶר לעבעדיגעֶ אינטערעסען און דרינגליכע באַדערפענישען?

די קליינע יונקעֶרס האבעֶן אָבער געֶוואוסט, אז זאָל באַשטעהן אַ דריי חדשים א נאָרמאלע פאַרבינדונג צווישען דעם קאָמונאַלעֶן פאריז און די פראווינצען, קומט אני־אלגעֶמיינער פויערים־אויפשטאנד. מהאי טעמא האָבען זיי זיך מיט פחד געאיילט

ארומרינגלען פּאַריז מיט אַ פּאָליציי־בלאָקאַדע, כדי מען זאל ניט קענען פונאנדערטראגען די זאַראזע.

די קאָמונע איז געווען די אמת'ע פאַרטרעטערקע פון אַלע געזונדע עלעמענטען אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט און דערפאר איז זי געווען די אמת'ע נאַציאָנאַלע רעגירונג. אבער אין דער אייגענער צייט איז זי געווען אינטערנאַציאנאל אינ'ם פולען זין פונ'ם וואָרט, אנ ארבעטער־רעגירונג, אלס דער דרייסטער קעמפער פאר באפרייאונג פון אַרבעט. אויף די אויגען פון דער פּרייסישער אַרמעע, וואָס האָט אנעקטירט פאר דייטשלאַנד צוויי פראנצויזישע פראָווינצען, האָט די קאָמונע אנעקטירט פאר פראנקרייך די ארבעטער פון דער גאנצער וועלט.

די צווייטע אימפעריע איז געווען די גרויסע שמחה פון קאָסמאָפּאָליטישער רמאות, די אַוואַנטוריסטען פון אלע לענדער זיינען זיך צונויפגעלאָפען נעהמען א חלק אין איהרע ארגיעס און אין דעם אויסראַבעווען פונ'ם פראנצויזישען פאָלק. אפילו אין דער דאָזיגער רגע איז טיער'ס רעכטע האנד גאַנעסקאָ, דער וואַלאכישער נבל, און זיין לינקע איז מאקאָווסקי, דער רוסישער שפּיאָן. די קאָמונע האָט אבער געגעבען אלע פרעמדע דעם כבוד גע'הרג'עט צו ווערען פאר א אומשטערבליכער זאַך. די צייט צווישען דער אויסערליכער מלחמה, וואָס די פראַנצויזישע בורזשאַזיע האָט פארשפּילט א דאנק איהר פאַרראַט, און דעם בירגער־קריג, וועלכע זי האָט אנגעצונדען דורך דעם שטילען אָפּמאַך מיט דעם זיגער, האָבען די פראנצויזישע קאַפּיטאַליסטען אויסגענוצט, כדי צו באַשעפטיגען זייער פאטריאָטיזם מיט פּאָליציי־געיעגען אויף דייטשען. די קאָמונע האָט געמאכט א דייטש פאַר איהר ארבעטס־מיניסטער, — טיער, די בורזשואַזיע, די צווייטע אימפּעריע האָט נאכאנאַד אפּגענאַרט פוילען דורך זייערע הבטחות, און אין דער אמת'ן האבען זיי איהר איבערגעבען אין רוסלאַנד'ס הענד און האבען אפּגעטהאן רוסלאנד'ס מיאוס'טע ארבעט. די קאָמונע האָט פאַרעהרט פוילען'ס העלדישע זיהן, דערמיט וואס זי האָט זיי אַוועקגעשטעלט בראש פון דער פארטיידיגונג פון פאַריז. און כדי גאנץ בולט און קלאר באַצייכענען די היסטאָרישע נייע תקופה, וועלכע זי דאַרף אנהויבען, האָט די קאָמונע אויף די אויגען פון די פּרייסישע זיגער, פון איין צד, און די באַנאפּאַרטיסטישע חיילות, געפיהרט פון באַנאפּאַרטיסטישע גענעראַלען, פון דעם אנדערען — איינגעוואָרפען דעם וואַנדאָם־זייל, דעם גרויסען סימבאָל פון מלחמה־העלדישקייט.

די גרויסע סאָציאַלע הילף פון דער קאָמונע איז געווען איהר ארבעט. איהרע פאַרשיידענע מיטלען האבען נאָר געקענט אָנטייטען די ריכטונג, אין וועלכער עס באַוועגט זיך דורך דאַס פאָלק אַ רעגירונג פון פאָלק. די קאָמונע האָט אָפּגעשאַפט די נאַכט־ארבעט ביי די בעקער־געזעלען. זי פלעגט שטראָפען די אונטערנעמער, ווען זיי פלעגען, ווי זייער שטייגער איז, פארקלענערן די שכירות, ארויפלעגענדיג אויף די ארבעטער אונטער כלערליי תירוצים געלד־שטראַפען. בעת מעשה האָט זיך אין דער פּערזאָן פון ארבעט־געבער קאָנצענטרירט דער געזעץ־געבער, דער שופט, די מאַכט, וואָס פיהרט אויס דעם אורטייל, און דער סוף איז געווען, אַז דאַס געלד פלעגט דער בעל־הבית ארייַנלעגען צו זיך אין קעשענע. די קאָמונע האָט געפאָדערט איבערצוגעבען די ארבעטער־קאָאָפּעראַטיווען אלע געשלאָסענע ווערקשטאַטען און פאַבריקען, דערביי

האט מען באשלאָסען אויסצוצאהלען די קאפּיטאַליסטען דעם היזק, ניט קוקענדיג, וואס דער קאפּיטאַליסט איז אַנטלאָפען אדער, וואס ער האט פארטאכט די אונטערנעמונג.

די מיטלען, וואס די קאָמונע האט אנגענומען, כדי צו רעגולירען די פינאנצען זיינען געווען אויסגעצייכענט דערמיט, וואס זיי פלעגען זיך מיט אַלץ רעכענען און זיינען געווען זעהר געמעסיגט. דורכפיהרען האט מען געקענט נאָר יענע, וועלכע זיינען געווען אין הסכם מיט דער לאגע פון דער באלאגערטער שטאדט. אז מען זאָל זיך בארעכענען, ווי אזוי די גרויסע פינאַנץ־קאמפּאניעס און בוי־אונטערנעמער האבען אונטער הויסמאַנ׳ס הערשאפט בא׳גנב׳עט פאריז, וואָלט מען געקענט קומען לידי דער מסקנה, אז די קאמונע האט שוין געהאט מעהר רעכט צו קאָנפיסקירען זייער אייגענטום, ווי לואי באָנאפּארט, צו קאנפיסקירען דאס אייגענטום פון דער משפחה אָרלעאַן. די האָהענצאָלערן און די ענגלישע אָליגארכען, וואס האבען אַ גרויסען חלק פון זייער עשירות צונויפגעשארט פון אַנגעראבעטעווען קירכע־אייגענטום, זיינען, פארשטעהט זיך, געווען אש להבה אויף דער קאָמונע, וועלכע האט פארדינט פון דער סעקוליאריזאציע נאָר 8000 פראנק.

קוים האט די ווערסיילער רעגירונג אָנגעקליבען אַ ביסעל מוט און כח, האט זי גלייך ווידער אָנגעהויבען אָנצוווענדען אנטקעגען דער קאמונע געוואַלט־מיטלען. ארויס־זאָגען א פרייע מיינונג אין פראנקרייך איז געווען סכנות נפשות, עס זיינען פארווערט געוואָרען אפילו פארזאמלונגען פון דעלעגירטע אין גרויסע שטעדט. ווערזייל און גאנץ פראנקרייך איז באדעקט געוואָרען מיט אַ נעץ פון שפּיאָנען, וואס איז געווען ערגער ווי אין די צייטען פון דער צווייטער אימפעריע. זשאנדארמען־אינקוויזיטאָרען פלעגען פארברענען אלע געדרוקטע צייטונגען אין פאריז און האבען ארויסגעלעגט זייער לאפּע אויף אלע בריף, וואס זיינען אריין און ארויס פון דער שטאדט. זאגען אַ וואָרט לטובת פאריז אין דער נאציאָנאַל־פארזאמלונג פלעגט אָנקומען מיט צרות, און מען פלעגט איהם פארשרייען אויף אזא אופן, וואס איז ניט געהערט געוואָרען אפילו אין דער יונקער־קאמער פון 1816. מחוץ פאריז האבען די ווערזייל׳ער געפיהרט אַ בלוט־דורשטיגע מלחמה, אין דער שטאדט גופא האבען זיי דורך געלד געפּרובט ארויסרופען אנ׳אויפ־שטאנד. — טאָ האט די קאָמונע זיך אליין ניט פארראַטען אויפ׳ן שענדליכסטען אופן, בעת זי האט, ווי אין גאר טיפען פרידען, רוהיג צוגעקוקט זיך צום גאנצען שטאטיק פונ׳ם ליבעראליזם? אז די רעגירונג פון דער קאמונע וואָלט געווען אַ קרובה פון טיער׳ס רעגירונג, וואָלט גאר וועניג סיבות געווען צו אונטערדריקען, הן אָרדנונגס־פארטיי־צייטונגען אין פאריז, הן קאָמונאל־צייטונגען אין ווערזייל.

אין דער אמת׳ן האט עס די קליינע יונקערס שטארק פארדראָסען וואס גראָד אין יענער צייט ווען זיי האבען דערקלערט, אז פאר פראנקרייך איז דער איינציגער מיטעל צו ראטעווען זיך: חוזר בתשובה זיין אין קלויסטער, האט די אפּיקורס׳טע, די קאמונע אויפגעדעקט אלע סודות פונ׳ם ווייבער־קלויסטער פּיפּוס און פון דער קירכע פון לאָראַן. טיער האט אָפּגעשאָטען זיינע באָנאפּארטיסטישע גענעראלען מיט די גרויסע צלם׳ס פאר דעם, וואס זיי זיינען געווען גרויסע מייסטערס צו פארלירען אַ שלאכט, אונטער׳חתמ׳ענען קאפּיטולאציעס און מאכען פּאַפּיראָסען — די קאמונע האט אראָפּגעזעצט און ארעסטירט איהרע גענעראלען, תיכף ווי עס פלעגט אויף זיי זיין אַ חשד, אז זיי פיהרען ניט אויס ווי געהעריג זייער ארבעט. איין מיטגליד האט מען ארויסגעווארפען און ארעסטירט

דערפאר, ווייל ער איז אין ליאָן צוליב אַ פשוט'ן באנקראָט געזעסען 6 טעג אין תפיסה און שפעטער האט ער זיך אריינגעדרעהט אונטער אַ פאלשען נאָמען אין דער קאמונע — איז עס ניט געווען אַ פּאַטש אין פנים דעם רמאי זשול פאוור, וועלכער איז נאך אלץ געווען פראנקרייך'ס אויסערן־מיניסטער, און נאך אלץ פארקויפט זיין לאנד ביסמארק'ן, און נאך אלץ דיקטירט באפעהלען דער בעלגישער רעגירונג? אבער אין דער אמת'ן האט די קאמונע גארניט גענומען קיין מאנאפאל אויף ניט מאכען קיין טעות'ן, ווי דאס האבען געטהאָן אלע אלטע רעגירונגען. זי פלעגט ברייט טוויע זיין איהרע אַלע רעדעס און מעשים, זי פלעגט אריינפיהרען דעם עולם אין איהרע אלע אומפּולקאָמענהייטען.

אין יעדער רעוואָלוציע רוקען זיך ארוים לעבען איהרע אמת'דיגע פאַרטרעטער אויך מענשען גאר פון אַנ'אנדער מין. עס זיינען דאָ אזעלכע, וואס האָבען שוין איבער־געלעבט פריהערדיגע רעוואָלוציעס, מיט וועלכע זיי זיינען צונויפגעוואקסען; זיי האבען ניט קיין קלאָרען בליק אויף דער היינטיגער באוועגונג, אָבער פונדעסטוועגען האבען זיי א גרויסע השפעה אויף דאס פאלק אַ דאנק זייער אלטען באקאנטען מוט און כאראקטער, אָדער גאר א דאנק דער נאלער טראדיציע. אנדערע זיינען הוילע שרייער, וועלכע האבען זיך געמאכט א נאָמען פון א אמת'ן רעוואָלוציאנער נאָר א דאַנק דעם, וואָס זיי פלעגען יאהרענלאנג האַלטען אין איין דעקלאַמירען קעגען דער באַשטעהענדיגער רעגירונג. און נאָך דעם 18. מערץ האָבען זיך אויך אזעלכע מענשען ארויסגערוקט און האָבען אפילו אין געוויסע פאלען געשפּילט א גרויסע ראלע. אויף וויפיל עס האָט געסטאַיעט זייער מאַכט, פלעגען זיי לעגען שטעקענס אין די רעדער פון דער אמת'ער אקציע פונ'ם אַרבעטער־קלאַס, פונקט אַזוי ווי זיי פלעגען שטערען די פולע אנטוויקלונג פון יעדער פריהערדיקער רעוואָלוציע.

נתפעל צו ווערען דאַרף מען דערפון, וואָס פאר אַ שנויים די קאָמונע האט געמאַכט אין פאַריז! עס איז קיין זכר ניט געבליבען פון יענעם אויסגעלאסענעם פאריז פון די צייטען פון דער צווייטער אימפעריע. פאַריז האט אויפגעהערט צו זיין דער אָרט, וואו עס האבען זיך צונויפגעקליבען ענגלישע פריצים, אירלענדישע Absentees, געוועזענע שקלאפען־האַלטער און אויפגעקומענע פון אַמעריקע, רוסישע פריצים און וואַלאַכישע באָיארען. אוים ברימנן אין מאָרג, אוים נאכטיגע אָנפאלען, אוים גנבות; זינט די פעברואר־טעג 1848 זיינען די גאסען פון פאריז ווידער אַ מאל געוואָרען זיכער, און דאס אויך אהן פּאָליציע. „היינט הערען מיר שוין ניט מעהר — האט געזאָגט א מיטגליד פון דער קאמונע, — ניט פון הריגות, ניט פון רויבערייען, ניט פון פאר־גוואלדיקען מענשען; עס דאכט זיך אוים באמת'ן, אַז די פּאָליציע האט פאַרשלעפּט אלע איהרע קאנסערוואַטיווע פריינד מיט זיך קיין ווערזייל". די פּראָסטיטוטקעס האבען ווידער געפונען די טליאַרעס פון זייערע באשיצער — די מענער פון פאמיליעס, פון אמונה און קודם כל פון אייגענטום, וואָס זיינען אנטלאָפען. אויף זייער אָרט זייגען אויף דער אויבערפלאַך ארוים די אמת'ע פרויען פון פאַריז — העלדישע, מוטיגע און גרייט צום קרבן ווי די פרויען פון אַלטערטום. פאריז האט געאַרבעט געדענקט, געקעמפט, פארגאסען בלוט, צוגרייטענדיג זיך צו אַ נייער געזעלשאַפט, ער האָט כמעט פארגעסען, אז פאר די טויערן שטעהען די קאַניבאַלען, און ער האָט געשטראהלט אין התפעלות פון זיין היסטארישער איניציאטיוו!

און אנטקעגן דער דאזיגער נייער וועלט אין פאריז איז געשטאנען די אלטע — אין ווערזייל — א פארזאמלונג פון די געוועזענע פארטרעטער פון אלע רעזשימען, לעגיטימיסטן און ארלעאניסטן מיט דער תאוה צו פרעסן פון דעם בר־מינן פון דער נאציע. הינטער איהר האט זיך געצויגן אן עק פון רעפובליקאנער פון פאר דער צייט פון מבול, וועלכע האבן מיט זייער זיצן אין דער פארזאמלונג געגעבן די הסכמה צו דער מרידה פון די שקלאפן־האלטער. זיי האבן געלייגט זייערע האפנונגען אויף דער נארישער גאוה פון דעם אלטן תרח, וואס איז געשטאנען בראש פון דער רעגירונג און האבן שלעכט נאכגעמאכט 1789, אפהאלטענדיג זייערע סודות׳פולע פארזאמלונגען אין Jeu de Paume (דאס הויז, וואו מען האט געשפילט מיט פילקעס. דארטן האט אין 1789 די נאציאנאל־פארזאמלונג אנגענומען איהר בארימטן באשלוס.) און אט איז געשטאנען די דאזיגע פארזאמלונג, די פארטרעטערין פון דעם אלץ, וואס איז געווען אפגעשטארבן אין פראנקרייך, וועמען די שווערדן פון לואי באנאפארט האבן צוגעגעבן א פאזע פון כלומר׳שטיגען לעבן. פאריז כולו אמת, ווערזייל כולו שקר, און דער דאזיגער שקר ארויסגעלאזן דורך טיער׳ס מויל.

צו א דעפוטאציע פון בירגערמייסטערס פון סענער און אואזער דעפארטאמענטן האט ער געזאגט: „איהר קענט זיך פארלאזן אויף מיין ווארט, וועלכן איך האב נאך קיינמאל ניט געבראכן!" דער פארזאמלונג האט ער געזאגט, אז „אזא ליבעראלע און פריי געוועהלטע פארזאמלונג האט פראנקרייך נאך ניט געהאט!" זיין סאלדאטעסקע פון כל המינים האט ער געזאגט, אז „די גאנצע וועלט ווערט פון איהר נתפעל, און זי איז די שענסטע ארמעע, וואס פראנקרייך האט ווען עס איז געהאט". די פראווינצן האט ער דערקלערט, אז דאס באשיסן פאריז איז א בבא־מעשה: „אויב עס איז געקומען צו א פאר הארמאטען־שאסן, האט דאס ניט די ווערזיילער ארמעע געמאכט, נאר די בונטאוושטשיקעס, וואס האבן געוואלט איינשמועסן דעם עולם, אז זיי האלטן מלחמה, בעת אין דער אמת׳ן האבן זיי זיך קיינמאל ניט דערוועגט ערגעץ וואו צו ווייזן זיך". און באלד זאגט ער ווידער צו די פראווינצן: „די ארטילעריע פון ווערזייל באמבארדירט ניט פאריז, זי שיסט גלאט אזוי". דעם ארכיביסקופ פון פאריז האט ער געזאגט, אז דאס וואס מען דערצעהלט פון די ווערזיילער חילות וועגן זייערע דער־שיסונגען און רעפרעסיעס (!) איז גאלע ליגען. פאריז האט ער דערקלערט, אז ער וויל „באפרייען די שטאדט, וועלכע ווערט אונטערדריקט פון שרעקליכע טיראנעס", און אז אין דער אמת׳ן איז די קאמונע „נאר א הייפעל פארברעכער".

טיער׳ס פאריז איז ניט דער אמת׳ער פאריז פונ׳ם „פראסטען המון", נאר א פאנטאזיע־פאריז, פאריז פון די הולטאיעס, פאריז פון די בולווארס, סיי מאנזביל סיי וויב, רייכער, קאפיטאליסטישער, באגילדעטער פאריז פון די פוסט־ און פאסניקעס, דער פאריז, וואס האט איצט געשטאנען מיט זיינע משרתים, אוואנטוריסטען, ליטער־ארישע ציגיינער־באנדע און פראסטיטוטקעס אין ווערזייל, סען דעני, ריעיי און סען זשערמען. פאר איהם, איז דער בירגער־קריג געווען נאר אן אנגענעהמער צווישען־שפיל, א קאמף, אויף וועלכן מען האט געקענט קוקן דורך א שפאקטיוו, הארמאטען־שאסן, וועלכע מען האט גערארפט צעהלען. דער דאזיגער עולם האט געשווארען ביי זיין כבוד און זיינע נקבות, אז מען האט דאס אלץ פיל בעסער געמאכט ווי אינ׳ם

טעאטער פון פארט סען מארטען. די הרוגים זיינען באמת טויט, די פארוואונדעטע שרייען ניט אויף צו פלייסען, און דערצו איז דאך דער גאנצער ענין באמת אזוי וועלטהיסטאריש.

אט דאס איז געווען דעם הערר טיער'ס פאריז, פונקט ווי די עמיגראציע פון קאבלענץ איז געווען דאס פראנקרייך פון הערר פאן קאלאן. —

IV.

ביסמארק האט זיך אפגעזאגט צו פארנעהמען פאריז און אויף אזא אופן איז דורכגעפאלען דער ערשטער פרוב פון די שקלאפען־האלטערס צו מכניע זיין די שטאדט. דעם 18־טען מערץ האבען זיי ווידעראמאל געפרובט אנפאלען אויף פאריז, אבער עס האט זיך אויסגעלאזען מיט דער מפלה פון דער ארמעע און מיט דער פלטה, פון דער רעגירונג קיין ווערזייל, וואוהין עס איז אראפגעבראכט געווארען די גאנצע רעגירונגס־מאשינעריע. טיער האט פארדרעהט פאריז א קאפ מיט שלום־אונטערהאנדלונגען, און דערווייל האט ער אויסגעשפילט צייט, כדי צו גרייטען די מלחמה געגען דער קאמונע. אבער וואו נעמט מען אן ארמעע? די שיריים פון די פריהערדיגע חיילות זיינען געווען שוואך אין דער צאהל און זייער שטימונג איז געווען גאר ניט קיין זיכערע. טיער האט גערופען די פראווינצען צו קומען צו הילף ווערזייל מיט זייער נאציאנאלע־גווארדיע און פרייוויליגע, אבער די פראווינצען האבען פשוט אפגעזאגט. נאר ברעטאן האט געשיקט א הייפעל Chouans (אנהענגער פון דער בורבאן־דינאסטיע. דער איב.) וואס האבען זיך געשטעלט אונטער דער ווייסער פאהן. אויף דער ברוסט האבען זיי געטראגען אויסגעטאלט אויף לייוועגד יעזוס' הארץ, און אין קאמף פלעגען זיי געהן מיט דעם געשריי Vive le roi! (זאל לעבען דער קעניג!) טיער'ן איז גארנישט געבליבען איבעריג ווי צוזאמענצוקלאפען בחפזון א באנדע מכל המינים פון מאטראסען, ים־סאלדאטען, פויפסטליכע זואווען, וואלענטינ'ס זשאנדארמען, פיעטרי'ס שטאדט־סערזשאנטען און שפיאנען. פון אזא ארמעע האבען זיך די פאריזער געקענט אויסלאכען, ווען עס וואלטען מיט דער צייט ביסלאכווייז ניט אנגעקומען די אימפעריאליסטישע געפאנגענע, וועמען ביסמארק האט בעפרייט. דער דאזיגער נייער כח האט געסטייעט אויף צו פיהרען פון איין זייט דעם בירגער־קריג און פון דער אנדערער — צו האלטען ווערזייל אין שקלאפערישער הכנעה ביי פרייסען. בעת דער מלחמה האט די ווערזיילער פאליציע גערארפט האבען אן'אויג אויף דער ווערזיילער ארמעע, די זשאנדארמען האבען תמיד גערארפט זיין אויף די מסוכנ'דיגסטע ערטער און מיט זייער דרייסטקייט ציהען נאך זיך די גאנצע ארמעע. די פארטען וואס זיינען געפאלען, האט מען ניט איינגענומען ביד חזקה, נאר מען האט זיי אפגעקויפט. די העלדישקייט פון די קאמונארען האט איבערציינגט טיער'ן, אז ניט זיין אייגענע סטראטעגישע גאונות און ניט זיינע באנגעטען וועט זיך איינגעבען איינצונעהמען די שטאדט.

אין דער אייגענער צייט זיינען די באציהונגען צווישען איהם און די פראווינצען געווארען וואס א טאג אלץ ערגער. ער האט ניט באקומען קיין איין איינציגען אדרעס, וואס זאל גוטהייסען די מלחמה מיט פאריז. גראד פארקעהרט. פון אלע זייטען האבען זיך א שאט געטהאן אדרעסען און דעפוטאציעס, וואס האבען געפאדערט, נאר ניט אין א בכבוד'יגען טאן, א שלום מיט פאריז, און דערביי זאל ווערזייל אנערקענען די רעפובליק, בעשטעטיגען אלע קאמונאלע פרייהייטען און פונאנדערלאזען די נאציאנאל־פארזאמלונג.

ווערעס מאַנדאַט איז שוין אויסגעגאַנגען. די דאָזיגע פאָדערונגען זיינען אָנגעקומען אין אַזאַ גרויסער מאָס, אַז די פּאָר, מיערס יוסטיץ־מיניסטער, האָט אַרויסגעלאָזען דעם 23. אַפּריל אַ צירקולאַר צו אַלע פּראָקוראָרען, וואו ער הייסט באַציהען זיך צו דער „שלום־פאָדערונג", ווי צו אַ פאַרברעכען! אָנקוקענדיג אָבער די פינסטערע האָריזאָנטען, וואס עס האָט איהם געעפענט זיין קאַמף, האָט מיער באַשלאָסען בייטען זיין טאַקטיק. ער האָט באַשטימט אויף דעם 30. אַפּריל פאַר דעם גאַנצען לאַנד וואַהלען אין די קהלות־ראַטען, אויף דעם גרונד פון דער קהלות־אָרדנונג, וועלכע ער האָט דיקטירט דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. ער איז בטוח געווען, אַז די פּראָווינצען, געצוואונגען דאַ דורך די אינטריגען פון זיינע פּרעפעקטען, דאָרטען דורך דער אימה, וואס עס וואַרפט ארויף זיין פּאָליציי, וועלען צוגעבען דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג דעם מאָראַלישען כח, וועלכען זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט, און וועט ברענגען דעם מאַטעריעלען כח, וועלכען ער האָט געדאַרפט, כדי צו אָפּהאַלטען דעם נצחון איבער פּאַריז.

גלייך אין אָנהויב פון דער מלחמה מיט פּאַריז האָט מיער אָפּגעשפּילט אַ קליינע שלום־קאָמעדיע, וועלכע ער האָט געדאַרפט האָבען צוליב כמה טעמים. די דאָזיגע קאָמעדיע האָט דערפילט די רויבער־מלחמה נעגען פּאַריז, וועלכע מיער האָט אַליין געריכט אין זיינע אייגענע ביולעטענס, און די גרויל העךישאַפט, וועלכע זיינע מיניסטאָרען האָבען איינגעפיהרט אין גאַנץ פראַנקרייך. זי האָט געדאַרפט איינגאַרען די פּראָווינצען, צוציהען דעם מיטעל־קלאַס אין פּאַריז און קודם כל מאַכען מעגליך די כלומר׳שדיגע רעפּובליקאַנער פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג צו באַהאַלטען זייער פאַרראַט לגבי פּאַריז הינטער דעם גלויבען אין מיער׳ן. דעם 21. מערץ, בעת אין זיין רשות איז נאָך ניט געווען קיין אַרמעע האָט ער דערקלערט דער פאַרזאַמלונג: „ווען עס זאָל זיך אפילו לעגען דער הימעל אויף דער ערד, וועל איך קיין פּאַריז קיין אַרמעע ניט שיקען". דעם 27. מערץ האָט ער זיך אויפגעהויבען און געזאָגט: „איך האָב געפונען די רעפּובליק פאַר אַ געשאַפענער עובדא, און איך בין אינגאַנצען אַנטשלאָסען איהר איינצוהאַלטען" אין דער אמת׳ן האָט ער אינ׳ם נאָמען פון דער רעפּובליק דערשטיקט די רעוואָלוציע אין ליאָן און מאַרסעל, אין דער צייט ווען אין ווערזייל פלעגען די קליינע יונקערס מיט קולי־קולות פאַרשרייען איהר נאָמען, בעת עמיצער פלעגט איהם אַרויסברענגען פון זיין מויל. נאָך דער דאָזיגער העלדישקייט האָט ער דערמינערט די געשאַפענע עובדא צו אַ פאַר־אויסגעזעצטער. די אָרלעאַנס־פּרינצען, וועלכע ער האָט שטיל אַרויסגעפירט פון באָרדאָ, האָבען געקענט איצט פריי אינטריגירען אין דרוי, ניט קוקענדיג וואס דאָס איז געווען געגען דעם געזעץ. די הנחות, וואָס מיער פלעגט אַהן אַ סוף מאַכען די דעלעגאַטען פון פּאַריז און די פּראָווינצען — הגם ביי יעדער מאָל פלעגט ער בייטען זיין טאָן — פלעגט ער תמיד דערפיהרען דערצו, אַז ער וועט זיך נאָר נוקם זיין אָן אַ הייפעל פאַר־ברעכער, וואס האָבען דער׳הרג׳עט קלעמאַן טאָמאַ און לעקאָנט, און דערביי פלעגט ער זאָגען, אַז דאָס וועט געשעהן בתנאי, אַז פּאַריז און פראַנקרייך זאָלען אַנערקענען דעם הער מיער פאַר דער בעסטער פון די רעפּובליקען, פּונקט אַזוי ווי ער איז זיך באַגאַנגען מיט לואי פילים אין יאָהר 1830. און אפילו זיינע הנחות — לא די וואס ער האָט זיך געסטאַרעט שטעלען זיי אונטער אַ ספק דורך די אָפיציעלע אַרויסטרעטונגען פון זיינע מיניסטאָרען אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, האָט ער נאָך געהאַט זיין דיפּאָר, וועלכער

איז תמיד געשטאַנען גרייט צו זיין מלאכה. דיפאָר, אנ׳אלטער ארלעאַניסטישער אדוואָקאַט, איז תמיד ווי אויך איצט אין 1871, אונטער דעם פּרעזידענט לואי באָנאַ־פּארט געווען דער איבער־ריכטער אין דער צייט פונ׳ם באלאגערונגס־צושטאַנד. בעת ער פלעגט ניט זיין קיין מיניסטער, פלעגט ער ווערען א גניד דערפון, וואָס ער פלעגט ארויסטרעטען אלס דער מליץ־יושר פון די פּאריזער קאַפּיטאַליסטען, און ער פלעגט אויסשלאָגען א פּאָליטישען קאַפּיטאַל אויף דעם, וואס ער פלעגט זיין דער פארטיידיגער געגען די געזעצען, וואָס ער אליין האָט איינגעפיהרט. פאר איהם זיינען געווען ווייניג די באַרויקונגס־געזעצען, וועלכע ער האָט דורכגעפיהרט דורך דער נאַציאָנאל־פאר־זאמלונג, כדי, אַז עס וועט פאַלען פּאַריז, עוקר מן השורש צו זיין די לעצטע ביסעל רע־פּובליקאנישע פרייהייט. ער האט קירצער געמאכט דעם אופן פון משפט׳ן אינ׳ם קריגס־געריכט און האט אריינגעטראָגען א ניי־געבאקענעם דראַקאָנישען געזעץ וועגען פארשיקען. די רעוואלוציע פון 1848 האט בטל געמאכט די טויט־שטראף פאַר פּאָליטישע פאַר־ברעכער און האט פאַר זיי איינגעפיהרט פארשיקונג. לואי נאַפּאָלעאָן האָט ניט געוואגט ווידער אריינצופיהרען די גילאָטינע, לכל הפחות האט ער דאָס אָפען ניט ארויסגעזאָגט. די יונקער־פאַרזאמלונג, וועלכע האט נאָך ניט געהאַט די העזה, צו זאָגען אויף די פּאַריזער קאָמונארען, אז זיי זיינען מערדער, האָט זיך אין איהר תשוקה צו נקמה געמוזט באַגנוגענען מיט דיפאָר׳ס געזעץ וועגען פארשיקען. ביי אזא לאַגע האט טיער׳ס שלום־קאָמעדיע געקענט געשפּילט ווערען נאר ביז וואנען זי רופט ניט ארויס, וואס ער האָט גראד געוואָלט, דעם צארן־געשריי פון די קליינע יונקערס, וועמעס שכל, וואס איז נאר בכח מעלה־גרה צו זיין, האט ניט באַנומען די גאנצע שפּיל, די נויטיגקייט פון די צביעות און פאלשקייט.

שטעהענדיג פאר די קהלות־וואהלען פונ׳ם 30. אפּריל, פירט דורך טיער דעם 29. איינע פון זיינע גרויסע שלום־סצענעס. אין אַ שטראָם פון סאַנטימענטאַלע דרשות ניט ער אַ זאָג פון דער טריבונע אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאמלונג: „עס איז פאראַן נאר איין קאמפּלאָט געגען דער רעפּובליק, ער געהט ארויס פון פּאַריז און צווינגט אונז צו פארגיסען פראַנצויזישע בלוט. ניט דעם ערשטען מאָל חזר איך איבער: הייסט אוועק־לעגען דעם מ׳אומ׳ן כלי־זין, און איהר וועט זעהן, אז די שטראָף וועט פארמידען ווערען דורך א שלום־אפּמאַך, וועלכער וועט באַשטראָפען נאר אַ קליינע צאהל פאַרברעכער". די קליינע יונקערים האָבען איהם ניט געלאָזען רוהיג רעדען, און ער האט זיי אויף דעם געענטפערט: „זאגט מיר, רבותי, איך בעט אייך, בין איך אומגערעכט? האָט איהר באמת עגמת־נפש, ווען איך זאָג אייך דעם אמת, אז פאַרברעכער איז דאָ נאר א הייפעל? איז דאס טאַקע ניט קיין גליק אין דעם גרויסען אומגליק, אַז קליין איז די צאהל פון יענע מענשען, וואס האָבען פארגאָסען דאס בלוט פון קלעמאן טאָמאַ און גענעראל לעקאָנט?

אָבער פראַנקרייך׳ס אויערען זיינען געווען טויב פאר טיער׳ס דרשות, פון וועלכע ער אליין האָט הנאה געהאַט, מיינענדיג, אז זיינע זיסע פּאַרלאַמענטארישע רעד וועלען לאָקען דאס לאַנד. עס זיינען אויסגעקליבען געווארען 700.000 קהלה־ראטמענער אין 35,000 קהלות, וואס זיינען נאך געבליבען אין פראנקרייך׳ס רשות, פון זיי האָבען די פאראייניגטע לעגיטימיסטען, ארלעאניסטען און באנאפּארטיסטען דורכגעפיהרט בערך

8000 ראטמענער. די שפעטערדיגע קאנקורענטען־וואהלען האבען נאך ערגער געמאכט דעם עסק. לא די וואס די נאציאנאל־פארזאמלונג האט ניט באקומען פין די פראווינצען די מאטעריעלע קראפט, האט זיך נאך פארלארען די מאראלישע קראפט: היינט האט זי שוין געקענט זיין דער אויסדרוק פונ׳ם אלגעמיינעם שטימעכט פון פראנקרייך? ועל כולם האבען די ניי־אויסגעקליבענע קהלות־ראטען פון אלע פראנצויזישע שטעדט געטראשעט די אוזורפאטארישע פארזאמלונג פון ווערזייל מיט א געגען־פארזאמלונג אין בארדא.

איצט האט ביסמארק געקענט ארויסטרעטען: עס האט געשלאגען זיין שעת הכושר, אויף וועלכע ער האט לאנג געווארט. מיט א טאן פון א בעל־הבית האט ער געהייסען טיער׳ן תיכף שיקען באפולמעכטיגטע קיין פראנקפורט, כדי שליסען ענדגילטיג א שלום. בהכנעה האט טיער גלייך אוועקגעשיקט זשול פאוור, אויף וועמען ער האט זיך געקענט פארלאזען, און וועלכען עס האט אונטערגעשטיצט פויע־קערטיע. פויע־קערטיע, א „אויסגעצייכענטער" באוועל־שפינער פון רואן, א פארברענטער שקלאפערישער חסיד פון דער צווייטער קיסר־מלוכה, האט גארנישט געהאט צו דער צווייטער אימפעריע, נאר אין קליינער פנם האט ער אויף איהר יא געפונען: דאס איז געוועזן דער האנדעלס־אפמאך מיט ענגלאנד, וועלכער האט געשאט זיינע אייגענע פאבריק־אינטערעסען. טיער האט איהם געמאכט אין בארדא פאר א פינאנץ־מיניסטער, און ער איז תיכף ארויסגעטראטען געגען דעם „טרפה׳נען" אפמאך, ער האט געגעבען צו פארשטעהן, אז דער דאזיגער אפמאך וועט באלד בטל ווערען. ער האט אפילו געהאט די חוצפה צו פרובירען, דאס איז אפילו געווען בחינם (ווייל ער האט דעם חשבון געמאכט אהן ביסמארק׳ן), איינצופיהרען לגבי עלזאס דעם אלטען פראטעקציאניזם, ער האט געזאגט, אז דארטען שטעהען איהם ניט אין וועג קיין גילטיגע אינטערנאציאנאלע אפמאכען. דער דאזיקער פארשוין, וועלכע האט אין דער קאנטער־רעוואלוציע געזעהן א מיטעל אראפצודריקען די ארבעטער־שכירות אין רואן, און דעם אפטרעטען פון פראנצויזישע פראווינצען — א מיטעל צו הויבען די מקחים אויף זיינע סחורות אין פראנקרייך — איז ער ניט געווען דער פאסענדיגער חבר פאר זשול פאוור, ביי זיין לעצטען פארראט, וואס האט געקרוינט זיין גאנצע מלאכה?

אז די דאזיגע שרעקליכע פאר פון באפולמעכטיגטע איז געקומען קיין פראנקפורט האט זיי ביסמארק א קאמאנדעווע געטהאן: אדער ווידער אויפשטעלען די קיסר־מלוכה, אדער בלי שום טענות ומענות אננעהמען מיינע אייגענע שלום־באדינגונגען! די דאזיגע באדינגונגען זיינען געווען: אפצאהלען אין א קורצער צייט די מלחמה־היזקות און באזעצען די פאריזער פארטען דורך פרייסישע חיילות ביז ביסמארק וועט דערקלערען, אז ער איז צופרידען מיט דער לאגע אין פראנקרייך. אויף אזא אופן איז פרייסען אנערקענט געווארען פאר דעם העכסטען שופט אין די אינווענינגסטע ענינים פון פראנקרייך. פארקעהרט אבער, געהמען זיי זיך אויפצושטעלען די קיסר־מלוכה, לאזט ער אפ די באנאפארטיסטישע געפאנגענע און לייט זיי נאך געלד, כדי די חיילות זאלען באקומען שכירות, פונקט ווי די חיילות פונ׳ם קיסר ווילהעלם. אז ער איז אנ׳ערליכער מענש האט ער דערוויזען דערמיט, וואס ער האט דעם אפצאהל פון דער ערשטער ראטע פאר די מלחמה־היזקות פארבונדען מיט דער בארוהיגונג פון פאריז. פארשטעהט זיך, אז אזא פעטען

ביסעֶן האבען טיער און זייגעֶ באפּולמעֶכטיגטע מיט תאוה אראָפּגעשלונגען. דעֶם 10־טען מאי האבען זיי אונטערגע׳חתמ׳עט דעם אָפּמאַך און האבען שוין באזארגט, אז די נאציאנאל־פּארזאמלונג זאל איהם באשטעטיגען דעֶם 21.

דער שלום איז געשלאסען געווארען און מען האט נעווארט אויף דעם קומען פון די באנאפּארטיסטישע געפאנגעֶנע. די דאזיגע צייט האט טיער געֶפונען פאר זיין חוב אויסצונוצען פאר זיין שלום־קאמעדיע, א פּשיטא נאך, ווען זיינע רעפּובליקאנישע משרתים זיינען געווען אין א צרה, מחמת זיי האבען ניט געֶפונען קיין תירוץ, מיט וועלכען זיי זאלען קעֶנען צומאכען אנ׳אויג אויף די הכנות צום פּאריזער בלוט־באָד. דעם 8־טען מאי האט טיעֶר געֶענטפערט א דעפּוטאציע פון מיטעלבירגער, וואס האט מיט איהם גערעדט וועֶגען שלום: „תיכף ווי די בונטאווישטשיקעס וועלען קאפּוטאלירען, ווערעֶן די טויערן פון פּאריז א וואָך צייט ברייט געעפענט פאר אלע, א חוץ די מערדער פון די גענעראלען טאָמאַ און לעקאָנט".

א פּאר טעג שפּעטער, אז די קליינע יונקעֶרס האבען איהם שטארק געצויגען פאר׳ן צונג, ער זאל זיי געבען א דין וחשבון וועגעֶן דער דאזיגער הבטחה, האט ער זיך אפּגעֶזאָגט מכּח דעם צו רעדען. אבער דעֶרביי האט ער געמאכט א באטייטענדיקען רמז: „איך זאג אייך, אז צווישען אייך זיינען דא מענשעֶן וואס האבען ניט קיין געֶדולד און איילען זיך צו פיל, זיי מוזען נאך אנ׳אכט־טאג ווארטעֶן; צום סוף פון די אכט טעֶג וועֶט שוין זיין אוים סכנה און די אויפגאבע וועט זיין ראוי פאר זייער מוט און פעהיגקייטען". ווען מאק מאהאָן איז געווען ביכולת צוזאגען, אַז ער וועֶט באלד אריין קיין פּאַריז, האט טיער דערקלערט אין דער נאציאנאל־פּארזאמלונג, אז „עֶר וועט אריין אין פּאריז מיט דעם געזעץ אין דער האנד און וועט פארלאנגען פולע הכנעה פון יענע מנובלים, וועלכע האבען מקריב געֶווען דאס לעבעֶן פון סאלדאטען און צושטערט דענקמעלער". אז עס איז געקומען די רגע פון אנטשיידונג האט ער געזאגט צו דער נאציאנאל־פּארזאמלונג: „איך וועל זיין אומ׳ברחמנות׳דיג". פּאריז האט ער אנגעזאגט, אז זיין פּסק־דין איז שוין ארויס־געטראגען; צו זייגעֶ באנאפּארטיסטישע באנדיטען האט ער געזאגט, אַז זיי האבעֶן די מלוכה־הרשאה גענומען פון פּאריז נקמה, וויפיל זייער הארץ גליסט. בעת דעֶר פּאראט פונ׳ם גענעראל דוע האט דעם 21־טען מאי אויפגעֶעפענט די טויערן פון פּאריז, האט טיער אויף מארגען אויפגעדעקט זיינע קליינע יונקערס דעם „ציל" פון זיין שלום־קאמעדיע, וועֶלכע זיי האבעֶן אזוי עקשנות׳דיג ניט פארשטאנען. „מיט א פּאָר טעג פריהער האב איך אייך געזאגט מיר דערנעהעֶנטערען זיך צום ציל; היינט קום איך צו אייך מיט דער בשורה — דער ציל איז דערגרייכט. מיר האבען געוואונען דעם נצחון פון ארדנונג, יושר און ציוויליזאַציע".

און דאס איז ער געֶוועֶן. די ציוויליזאַציעֶ און יושר פון דעֶר בורזשואַ־ארדנונג האט אנטפּלעֶקט איהר אמת׳דיגען פּרצוף, א שטורם האט זי געֶטראגעֶן מיט זיך ווען די שקלאַפעֶן פון דער דאָזיגער אָרדנונג האבען זיך אויפגעהויבען געֶגען די הערעֶן. דעמאלט ווערט די ציוויליזאַציעֶ און יושר אנ׳אָפענע פּראות און געזעֶצלאָזע נקמה. די דאָזיגע עובדא ווערט בולט׳ער ביי יעדער נייעם קריזיס אינ׳ם קלאַעסן־קאמף צווישען די עקס־פּלאָאטאטאָרעֶן און עקספּלאָאטירטעֶ. די מעשים תעתועים, וואס די בורזשואזיעֶ האט אפּגעטהאן און 1848 ווערען בלייך לגבי די נידערטרעֶכטיגקייטעֶן פון 1871. די העֶלדישקייט פון מקריב זיין זיך, מיט וועלכער דאס פּאַריזעֶר פאלק — מענער פרויען און

קינדער — האבען געקעמפט אכט טעג לאנג נאך דעם ווי עס זיינען שוין אריין די זיערזיילער, שפּיגעלט אפּ די גרויסקייט פון זייער זאך פונקט אזוי גוט, ווי די פּייוולאָנישע מעשים פון דער מאלראטעסקא שפּיגעלט אפּ דעם איינגעבאָרענעם גייסט פון דער ציוויליזאציע, וועמעס געדוגענע קעמפער זיי זיינען. א גרויסע ציוויליזאציע, איהר לעבענספּראַגע איז: ווי ווערט מען פּטור פון אַ באַרג מיט ברי״מינק׳ס, פון די דער׳הרג׳עטע נאך דעם קאַמף!

כדי צו געפינען אַ פאַרגלייך פאַר דעם, ווי עס האבען זיך געפיהרט מיער און זיינע כלבים, מוזען מיר זיך אומקעהרען צו די צייטען פון סוללאַ אוןביידע רוימישע טריאומ־וויראטען, הייסט האָט מען ווי דעמאָלט גע׳שחט׳ן מאַסען מענשען מיט אַנ׳אכזריות׳דיגער קאַלטקייט. ביים הרג׳ענען האָט מען ניט געקוקט אויף די יאָהרען און מין, פונקט ווי דעמאָלט האט מען אויך היינט זיך געהאַלטען ביי דער סיסטעם פון פייניגען די געפאַנגענע, מען איז מחרים געווען אַ גאַנצען קלאַס; פונקט ווי אין רוים האָט מען אנגעהויבען אַ ווילדען גייעג אויף די באַהאלטענע סיהרער, כדי זיי עוקר מן השורש צו זיין; פונקט די זעלבינע מסירות אויף פּאָליטישע און פּריוואַטע שונאים, און מיט דערזעלבינער גלייכגילטיגקייט, ווי אַמאָל, פלעגט מען הרג׳ענען מענשען, וואס האבען גאר קיין שייכות ניט געהאט צום קאַמף. אָבער אַ חילוק איז פונדעסטוועגען געווען: די רוימער האבען נאָך דעמאָלט ניט געהאַט קיין מאַשינענגעוועהר, כדי מאַסענוויז צו פּטור׳ן מענשען, און זיי האָבען ניט „געטראָגען אין זייערע הענד דעם געזעץ" און אויף זייערע ליפּען איז ניט געלעגען דער געשריי „ציוויליזאַציע".

און איצט נאָך די כלערליי מעשים תעתיעים, סוט אַ קוק אויף דעם צווייטען נאָך מיאוס׳ערען צד פון דער בורזשואַ־ציוויליזאַציע, וואס עס האט באַשריבען איהר אייגענע פרעסע!

אַ פאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון אַ לאָנדאָנער טאָגצייטונג שרייבט: „פון דער ווייטען הילכען נאָך איינצעלנע שאָסען, צווישען די מצבות פונ׳ם פער לאַ שעז גוסס׳ן פאַרוואונדעטע, 6000 פאַרצווייפעלטע אינסורגענטען בלאַנדזשען אין דעם לאַבירינט פון די קאַטאַקאָמבען, אין די גאַסען טרייבט מען נאָך אומגליקליכע, כדי צו שטעלען זיי צו זעכצ׳ג אָנטקעגען די מאַשינענגעוועהרען — און אין אַזאַ צייט זיינען די קאַווע־הייזער געפּאַקט מיט שכורים, ביליאַרד־ און דאָמינאָ־שפּילער; אויף די בולוואַרען שפּאַצירען זיך אַרום בהרחבה אויסגעלאַסענע נקבות און פון די פּריוואַטע צימערלאַך פון די פיינסטע רעסטאָראַנען הערט זיך אין דער שטילער נאכט דער רעש פון די הולטאַיעס. דאַרף מען ניט שרייען געוואַלד, אַז מען זעהט דאס אַלץ"? הער עדוארד הערווע שרייבט אינ׳ם „זשורנאַל דע פּאַרי", אַ ווערזייליישער זשורנאַל, וועלכען די קאָמונע האט אָנגעשטרייכט: „דער אופן, אויף וועלכען די פאַריזער באַפעלקערונג (!) האט אַרויס־געוויזען איהר באַפרידיגונג איז בפועל ממש מעהר ווי נידערטרעכטיג, און מיר האבען מורא, אַז מ׳ט דער צייט וועט דאס ערגער ווערען. פּאַריז זעהט אויס יום־טוב׳דיג און עס איז באמת ניט אויפ׳ן אָרט; און אויב מיר ווילען, אַז מען זאל אונז ניט רופען „פּאַריז פון פאַרפאַלען" דאַרף מען מאַכען דערצו אַ סוף". און דערביי ציטירט ער אַנ׳אָרט פון טאַציטו׳ן: „און אויף מאָרגען נאָך דעם שרעקליכען קאַמף און אפילו איידער דער קאַמף האָט זיך געענדיגט, האט רוים פון דעסטוועגען אויף ס׳ניי געוואַלגערט זיך אין דער

בלאָטע פון תאוה, וואס האָט אויפגעפרעסען זיין לייב און פארפלעקט זיין נשמה — „alibi proelia etvul nera, alibi balnea popinaequen" (אויף איין צד זייגען קאמפען און וואונדען, אויף דער אנדערען — בעדער און רעסטאָראנען). — הער הערווע פארגעסט אָבער, אז די פּאַריזער באפעלקערונג, מכח וועלכער ער רעדט, איז דאס די באפעלקערונג פון טיער'ס פּאַריז, דאס זייגען די פראן פילערס, וואס האבען זיך מאסענווייז אומגעקעהרט פון ווערזייל, סאַן דעני, רועי און סאַן זשערמען, און דאס איז באמת דער „פּאַריז פון פארפוילען".

אַז די שענדליכע ציוויליזאַציע, וועמעס יסוד עס איז די פערשקלאפונג פון דער אַרבעט, האַלט אָפּ א בלוטיגען נצחון איבער די קעמפער פאַר א בעסערער געזעלשאַפט, פארשרייט זי תמיד די קולות פון איהרע קרבנות דורך אויפרייצען און ליגענס, וועלכע הילכען מיט אַ ווידעריקול אין דער ווייטער וועלט. דער פרעהליכער אַרבעטער־פּאַריז פון דער קאָמונע איז אונטער די הענד פון די כלבים פון דער „אָרדנונג" פלוצלינג מגולגל געוואָרען אין א גיהנום. און וואס באווייזט דער־דאָזיגער געוואַלדיגער גלגול דעם בורזשואַ־שכל פון דער גאַנצער וועלט? די קאָמונע איז בוגד געווען אין דער ציוויליזאַציע! דאס פּאַריזער פאָלק איז זיך מיט התלהבות מקריב פאַר דער קאָמונע; אזא צאָהל הרוגים האָט ער נאך ניט פארלוירען אין די פריהערדיגע שלאַכטען. וואס דערווייזט דאס? די קאָמונע איז ניט די רעגירונג פונ'ם פאָלק, נאָר אַ געוואַלד־אַקציע פון אַ הייפעל פאַרברעכער! מיט שמחה גיבען אָפּ די פרויען פון פּאַריז זייער לעבען הן אויף די באַריקאַדעס, הן אין די הענד פון די תליגים. וואס דערווייזט דאס? דער שטן פון דער קאָמונע האט זיי געמאכט פאר פשוט'ע פראים! די געמעסיגקייט, וואס די קאָמונע האט אַרויסגעוויזען אין דער צייט פון איהר 2 חדשים'דיגער הערשאַפט, געפינט איהר גלייכען נאָר אין דער העלדישקייט פון איהר פארטיידיגונג. וואס דערווייזט דאס? די קאָמונע האט אין א משך פון צוויי חדשים באהאלטען אונטער אַ מאַסקע פון געמעסיגקייט און מענשליכקייט איהר דורשט נאך בלוט און טייוולאנישע תאוות, כדי ארויסצולאזען זיי אין דער שעה פונ'ם טויט־קאַמף!

בעת דער פּאַריזער אַרבעטער, האט זיך העלדיש מקריב געווען, זייגען בעת'ן קאַמף אין פּאַריז אוועק מיט'ן פייער א סך הייזער און מאנומענטען. ווען די הערשער פונ'ם פּראָלעטאריאט רייסען אויף שטיקער זיין לייב, דאַרפען זיי ניט רעכענען, אז זיי וועלען מיט טריאומף אריינקלייבען זיך ווידער אין זייערע ניט אנגערירטע דירות. די ווערזיילער רעגירונג שרייט: זיי מאַכען שרפות! און זי שעפּטשעט די דאזיגע פּאַראָלע אַלע איהרע משרתים, ביז אין דעם ווייטסטען דאָרף, כדי צו מאכען א געיעג אויף איהרע געגנער, ארויפוואַרפענדיג אויף זיי דעם חשד אין אונטערצינדען. מיט א נחת רוח קוקט זיך צו די בורזשואַזיע פון דער גאנצער וועלט ווי מען קוילעט מאסען מענשען נאָך דעם קאמף, אבער זי ווערט אויפגעבראכט ווען מען איז מחלל די קדושה פון דער דירה!

אַז רעגירונגען גיבען זייער הרשאה די מלחמה־פלאָטען „צו הרג'ענען, ברענען און חרוב צו מאכען", איז דאס א הרשאה אויף שרפות מאכען? אַז די ענגלישע חיילות האבען פארברענט דעם קאַפּיטאָל אין וואַשינגטאָן און דעם זומער־פּאַלאַץ פונ'ם כינעזישען קיסר, איז דאס געווען אַ פארברעך פון אַ בכיון'דיגער אונטערצינדונג? און אז טיער האט אין א משך פון 6 וואָכען באָמבארדירט פּאַריז מיט דעם תירוץ, אז ער וויל אונטער־

צינדען נאר אזעלכע הייזער, וואו עס זיצען ארבעטער, איז דאס געווען א אונטערצינדונג? בעת א מלחמה איז פייער פונקט אזא כלי־זין, ווי אלע אנדערע. מען באמבארדירט הייזער, וואו עס האט זיך פארקליבען דער שונא, כדי אונטערצוצינדען זיי. בעת די פארטיידיגער מוזען פארלאזען די הייזער, צינדען זיי אליין זיי אונטער, כדי די שונאים זאלען זיך אהין ניט קענען פארקלייבען. עס איז שוין דער גורל פון אלע הייזער, וואס ליגען אויפ'ן פראנט, אז זיי מוזען אוועק מיט'ן פייער. אבער אין דער מלחמה צווישען שקלאפען און באדריקער, די איינציגע בארעכטיגטע מלחמה אין דער געשיכטע, זאל מען דאס חס וחלילה ניט טהאן. די קאמונע האט באנוצט פייער אלס א פארטיידיגונגס־מיטעל, אינ'ם פולסטען זינ'ם פונ'ם ווארט. כדי צו פארשפארען יענע לאנגע גאסען, אויף וועלכע הויסמאן האט מיט א כיון געשאסען, האבען די קאמונארען זיי אונטערגעצינדען; כדי צו פארדעקען איהר אפטרעטען האט די קאמונע אונטערגעצונדען הייזער, פונקט אזוי, ווי די ווערזיילער האבען ביים אריינדרינגען אין שטאדט, באנוצט גראנאטען, מיט וועלכע זיי האבען חרוב געמאכט פונקט אזוי פיל הייזער, ווי דער פייער פון דער קאמונע. מען קען נאך ביז היום ניט דערגעהן וועלכע הייזער האבען חרוב געמאכט די פארטיידיגער און וועלכע דער שונא. און ווען האבען די קאמונארען אנגעהויבען צו באניצען פייער? ערשט דעמאלט ווען די ווערזיילער חיילות האבען אנגעהויבען מאסענווייז צו הרג'ענען די געפאנגענע. נאך פריהער האט די קאמונע בפירסום מודיע געווען אז אויב מען וועט איהר טרייבען דערצו, וועט זי איהר קבר געפינען נאר אונטער די חורבות פון פאריז, און אז פון פאריז וועט זי מאכען א צווייטע מאסקווע. פריהער האט פונקט אזוי געדרעדט די פארטיידיגונגס־רעגירונג, אבער אין איהר מויל האבען די דאזיגע ווערטער נאר געדינט פאר א מענטעלע פאר איהר בגידה. טראשו האט אפילו שוין דערצו צוגעגרייט נאפט. די קאמונע האט גאנץ גוט געוואוסט, אז ניט פאר דעם לעבען פונ'ם פאריזער פאלק דאגה'ענען איהרע שונאים, נאר פאר זייערע אייגענע הייזער אין פאריז. טיער דאט פון זיין צד דערקלערט, אז אומ'ברחמנות'דיג וועט ער זיין אין זיין נקמה. אז ער האט שוין פון איין זייט געהאט א קאמף־פעהיגע ארמעע און פון דער אנדערע די פרייסען, האט ער אויסגעשריען: „איך וועל ניט וויסען פון קיין רחמנות! שכר וועל איך צאהלען מיט א פולער מטבע, דער משפט וועט זיין שטרענג". אויב די מעשים פון די פאריזער ארבעטער איז וואנדאליזם, איז דאס א וואנדאליזם פון א פארצווייפעלטער פארטיידיגונג און ניט דער וואנדאליזם פונ'ם טריאומף, ווי דאס איז געווען פאר־צייטען ביי די קריסטען, וועלכע האבען צושטערט באמת טייערע קונסט־אוצרות פונ'ם געטשיקעס־דינערישען אלטערטום; און אפילו דעם דאזיגען וואנדאליזם בארעכטיגען די געשיכטע־שרייבער, אלס א אומפארמיידליכען פון פארהעלטניס־מעסיג אומבאדייטענדיגען מאמענט אין דעם ריזיגען קאמף צווישען א נייער אויפקומענדיגער און אן אלטער אונטערגעהענדיגער געזעלשאפט. און נאך ווייניגער איז דאס געווען א וואנדאליזם מצד הייסמאנען וועלכער האט ווי מיט א בעזעם אויסגעקערט דעם היסטארישען פאריז, כדי צו שאפען אן ארט פאר דעם פאריז פון הולטאיעס.

אבער די קאמונע האט דאך דער'הרג'עט 34 מענשען בראש מיט דעם ארכי־בישאף פון פאריז, וועלכע זי האט גענומען פאר משכנות! — די בורזשואזיע און איהר ארמעע האט אין יוני 1848 איינגעפיהרט דעם לאנג פארגאנגענעם מנהג פון דער־

שיסען איהרע ניט באַוואָפענטע געפאַנגענע. דעם דאָזיגען ברוטאַלען מנהג פלעגט מען באַנוצען ביי יעדער אונטערדריקונג פון אַ פאָלקס־אויפשטאַנד אין אייראָפּע און אינדיען. און דערמיט איז דערוויזען געוואָרען, אַז דער דאָזיגער מנהג איז „אַ טריט פאָרויס פון דער ציוויליזאַציע"! פון דעם אַנדער צד האָבען די פרייסען ווידער איינגעפיהרט אין פראַנקרייך דעם מנהג פון נעהמען לעבעדיגע משכנות — אומשולדיגע מענשען, וועלכע פלעגען מיט זייער לעבען דאַרפען קאַווירען פאַר די מעשים פון אַנדערע. ווי מיר האָבען פריהער געזעהן, האָט טיער גלייך פון אָנהויב פון קאַמף באַנוצט דעם מענשליכען מנהג פון דערשיסען די געפאַנגענע קאָמונאַרען. פאַרשטעהט זיך, אַז דער קאָמונע איז גאָרנישט געבליבען איבעריג, ווי צו באַנוצען דעם פרייסישען מנהג פון נעהמען לעבעדיגע משכנות. און די דאָזיגע משכנות האָבען באַצאָהלט מיט זייער לעבען נאָר צוליב די דערשיסונגען פון די געפאַנגענע דורך די ווערזיילער. האָט מען געקענט פאַרשאַנעווען זייער לעבען נאָך דער בלוט־באָד, וואָס עס האָבען געמאַכט מאַק־מאַהאָנ׳ס פרעטאָריאַנער, בעת זיי זיינען אַריין אין פּאַריז? האָט מען געדאַרפט אויך דעם לעצטען געגענגעוויכט לגבי דער ווילדקייט פון דער בורזשואַ־רעגירונג — דאָס נעהמען פון משכנות — מאַכען צום שפּאָט? דער אמת׳ער מערדער פון׳ם ביסקופ דאַרבוי איז טיער. די קאָמונע האָט ניט אויפגעהערט פאָרצושלאָגען אויסבייטען דעם ביסקופ און אַ גאַנצע קאָמפּאַניע גלחים אויף איין בלאַנקי, וועמען טיער האָט פאַרהאַלטען. טיער האָט עקשנות׳דיג אָפּגעזאָגט. ער האָט געוואוסט, ווען ער גיט אָפּ בלאַנקי, גיט ער אַ קאָפּ דער קאָמונע. און אַז דער ארכי־ביסקופ וועט אַם בעסטען דינען פאַר זיין צוועק, זייענדיג — אַ בר־מינן. דאָ איז טיער געווען דער צווייטער קאַוועניאַק. וואָס פאַר אַ קולות האָבען אויפגעהויבען קאַוועניאַק און זיינע אָרדנונגס־לייט אין יוני 1848, ווען זיי האָבען געטייט מיט די פינגער אויף די אינסורגענטען, אַז זיי זיינען דאָס די מערדער פון׳ם ארכי־ביסקופ אַפר! און זיי אַליין האָבען דאָך גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דעם ארכי־ביסקופ האָבען דערשאָסען די אָרדנונגס־סאָלדאַטען. זשאַקמע דער גענעראַל־וויקאַר פון׳ם ארכי־ביסקופ האָט אָנגעשריבען וועגען דעם אַ פּראָטאָקאָל, איהם אונטערגעחתמ׳עט און איבערגעגעבען קאַוועניאַק׳ן.

דער דאָזיגער כאָר פון ליגנער, וועלכער פאַרשרייט די גאַנצע וועלט מיט ליגענס אויף די קרבנות פון׳ם קאַמף, איז דער באַגלייטער פון די בלוטיגע שמחות, וועלכע די אָרדנונגס־פּאַרטיי פאַרגעסט קיינמאָל ניט צו מאַכען און דאָס באַווייזט, אַז דער היינטיגער בורזשואַ האַלט זיך פאַר דעם יורש פון׳ם אַמאָליגען סעאָדאַל. דער פעאָדאַל פלעגט האַלטען פאַר באַרעכטיגט יעדער כלי־זין, וואָס איז געווען אין זיין האַנד געגען דעם פּלעבייער, טאָמער פלעגט אָבער דער פּלעבייער נעהמען דעם כלי־זין אין זיין האַנד, פלעגט מען דאָ תיכף אָנהויבען צו שרייען, אַז דער פּלעבייער באַגעהט אַ פאַרברעך.

דער קאָמפּלאָט פון דעם הערשענדינען קלאַס אויף דער רעפּובליק וואָס איז געפיהרט געוואָרען מיט דעם געוועהר פון דעם ביינער־קריג אונטער דעם שוץ פון׳ם פרעמדען זיגער — מיר האָבען געזעהן די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיגען קאָמפּלאָט פון סעפּטעמבער ביז צו דעם אַריינמאַרשירען פון די מאַק־מאַהאָנישע פרעטאָריאַנער דורך דעם סען־קלודע׳ר טויער — האָט דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה אין דער בלוט־באָד פון פּאַריז. ביסמאַרק האָט מיט הנאה געקוקט אויף די חורבות פון פּאַריז, און

וועלכע ער האט אפשר געזעהן „די ערשטע ראטע“ פון יענער אלגעמיינער צושטערונג פון די גרויסע שטעדט, וועלכע ער האט אויסגעבעטען נאך א מאל ווען ער איז געווען א פשוט'ער יונקער אין דער פרייסישער chambre introuvable פון 1849. א צופרידענער קוקט ער אויף די מתים פונ'ם פאריזער פראָלעטאריאט. פאר איהם האָט דאס באטייט ניט בלויז די אויסראָטונג פון דער רעוואָלוציע, נאָר אין דער אייגענער צייט די אויסראטונג פון פראנקרייך, ביי וועמען מען האט איצט באמת אראָפגענומען די קאָפּ, און געטהאָן האָט דאס טאקי די פראנצויזישע רעגירונג. מיט אנ'איבערפלעכליקייט, וואס מען קען באמערקען תמיד ביי מזל'דיגע מלוכה־לייט, קוקט ער זיך צו צו דער איבערפלאך פון דער היסטאָרישער עובדא. האָט שוין א מאָל די געשיכטע געוויזען אזא מין זיגער, וועלכער קרוינט זיין נצחון דערמיט וואס ער בלייבט ניט בלויז א זשאנדארם פון דער באזיגטער רעגירונג, נאָר ער ווערט אויך איהר געדונגענער רוצח? די קאָמונע פון פאריז און די פרייסען האָבען ניט געפיהרט קיין מלחמה. להפוך, די קאָמונע האָט אָנגענומען די שלום־באדינגונגען, און פרייסען פון זיין צד האט דערקלערט, אז עס איז ניימראל. אזוי אז פרייסען איז ניט געווען דער צד, וואס פיהרט מלחמה. און פרייסען איז זיך באגאנגען ווי א רוצח; ווי א רוצח א פחדן, ווייל פאר איהם איז ניט געשטאנען קיין שום סכנה; ווי א געדונגענער רוצח, ווייל ער האָט פארבונדען די אויסצאהלונג פון די בלוטיגע 500 מיליאָנען מיט דער מפלה פון פאריז, און אזוי איז ארויסגעטראָטען אויף דעם העלען שיין פונ'ם טאָג דער אמת'דיגער מהות פון יענער מלחמה, וועלכע עס האָט אָנגעטייט די השגחה צום שטראָף פון דער אויסגעלאסענער אפיקורס'ישער פראנקרייך דורך דעם פרומען צנועה'דיגען דייטשלאנד! און דער דאָזיגער געוואלדיגער בראָך פונ'ם פעלקער־רעכט, ווי עס פארשטעהען דאס אפילו די יוריסטען פון דער אַלטער וועלט, האט געדאַרפט אויפרודערן די „ציוויליזירטע“ פעלקער פון אייראָפּע, און זיי האָבען געדארפט אריינלעגען אין חרם, דעם געצייג פון פעטערבורגער קאבינעט. — און וואס האָט געטהאָן אייראָפּע? זי האט זיך פארנומען מיט דער פראגע, צי מען דארף די פאָר שלאכט־קרבנות, וואס האבען דורכגעריסען די צוויי־ענדיגע פאַטרולען־קייט ארום פאריז, צוריק איבערגעבען אין די הענד פונ'ם ווערזיילער תליון!

נאָך דער גרעסטער מלחמה פון היינטיגע צייטען האבען זיך פארבונדען די ארמעען פונ'ם זיגער און באזיגטען, כדי בשותפות אויסצוקוילענען דעם פראָלעטאריאט, וואָס באווייזט די דאָזיגע אומערהערטע עובדא? אודאי ניט דאס, ווי עס מיינט ביסמאַרק, אז עס איז לבסוף אונטערדריקט די נייע אויפקומענדיגע געזעלשאפט, נאר די פולקאמע צוברעקלונג פון דער אלטער בורזשואַזער געזעלשאפט. די העלדיששטע גדלות, צו וועלכער עס איז נאך פעהיג געווען די אלטע געזעלשאפט איז — די נאציאנאלע מלחמה; איצט אבער האט זיך ארויסגעוויזען, אז אויך דאס איז א ריינער רעגירונגס־שווינדעל, וועלכער האט דעם צוועק אַרויסצושטויסען דעם קלאסען־קאמף; און קוים דער קלאסען־קאמף געהט איבער אין א בירגער־קריג, לאָזט מען דעם דאזיגען שווינדעל אן א זייט. די קלאסענהערשאפט איז מעהר ניט ביכולת צו פארדעקען זיך מיט דאס נאציאנאלע מענטעלע; די נאַציאנאלע רעגירונגען זיינען א פאראייניגטער שונא פונ'ם פראָלעטאריאט!

נאך דעם פפינגסט־זונטאָג*) פון 1871 וועט תמיד קלינגען דער כלי־זין, און

*) א קריסטליכער יום־טוב, וועלכער פאלט אויס אין זומער. דער איבערזעצער.

קיינמאָל וועט ניט זיין קיין שלום צווישען דעם ארבעטער אין פראַנקרייך און זיינע עֶקספּלאָאטאטאָרען. די אייזערנע האַנד פון אַ גדונגענער סאָלדאַטעסקע קען אַ צייט לאַנג אונטערדריקען ביידע קלאַסען. אָבער דער קאַמף מוז ווידער אַמאָל און ווידער אַמאָל אויסברעכען, און וואס ווייטער וועט ער זיך אלץ מעהר פאַרשפּרייטען, און קיינער קען ניט מסופק זיין ווער עס וועט זיגען — א קליינע הייפעלע פון רייכע, אָדער דער גרויסער המון פון די ארבעטענדיקע. און דער פראנצויזישער ארבעטער איז נאָר דער אַוואַנגאַרד פון דעם היינטיקען פּראָלעטאַריאַט.

בעת די אייראָפּעאישע רעגירונגען האָבען ארויסגעוויזען דעם אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון זייער קלאַסענהערשאַפט, האָבען זיי אין דער אייגענער צייט געשריען קולות וועגען דער אינטערנאציאָנאַלער ארבעטער־אַסאָציאַציע — די אינטערנאַציאָנאַלע געגען־אָרגאַניזאַציע פון ארבעט געגען דעם אלוועלטליכען קאמפלאט פון קאַפּיטאַל, — אז זי איז דער מקור פון אלע צרות. טיער האָט איהר באַשולדיגט, אַז זי איז דער דעספּאָט פון אַרבעט, וואָס שטעלט זיך כלומר׳שט ארוים פאר איהר באפרייער. פּיקאַר האָט אַרויסגעלאָזען א בעפעהל אָפּצושניידען יעֶטווידער מגע ומשא פון די פראַנצויזישע טיילען פונם אינטעֶרנאַציאָנאַל מיט זייערע חברים אין די אַנדערע לענדער; דער אלטער גראַף שזאַבער, וועלכער האָט פון 1835 געגאַנגען האַנד ביי האַנד מיט טיער׳ן, האט דערקלערט, אז די עיקר־אויפגאבע פאר אלע רעגירונגען איז עוקר מן השרש צו זיין דעם אינטערנאַציאָנאל. די קליינע יונקערס פון דער נאציאָנאַל־פארזאמלונג פלעגען מאַכען גוואלדען געגען איהם, און די גאנצע אייראפּעאישע פּרעסע פלעגט צושטעהן צו דעם דאָזיגען כאָר. א בכבוד׳יגער פראַנצויזישער שרייבער, וועלכער האָט קיין שום שייכות ניט צו אונזער אַסאָציאַציע, שרייבט בזה הלשון: „די מיטגלידער פונ׳ם צענטראל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און דאס רוב מיטגלידער פון דער קאמונע זיינען די טיכטיגסטע, קליגסטע און ענערגיש׳סטע קעמפער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־אַסאָציאַציע . . . מענשען, וואס זיינען דורכאוים ערליך, אויפריכטיג, קלוג, גרייט מקריב צו זיין זיך דער זאַך, ריין און פאנאַטיש אין דעם גוטען מיין פונם וואָרט״. דער פּאָליציייסקער בורזשואַ־שכל, שטעלט זיך פאָר, אז די אינטערנאציאָנאלע ארבעטער־אַסאָציאַציע איז אַ געהיימער בונד פון בוגדים, וועמען די צענטראַלע נאַטשאלסטוואָ גיט ארוים פון צייט צו צייט א באַפעהל צו מאכען א קאַמפּלאָט אין פארשיידענע לענדער. אין דער אמת׳ן איז אונזער אסאָציאציע א אינטערנאַציאנאלער בונד, וועלכער פאראייניגט די פארגעשריטענסטע ארבעטער פון די פארשיידענע לענדער אין דער ציוויליזירטער וועלט. אומעטום וואו עס פיהרט זיך דער קלאסען־קאמף, אונטער וואס פאַר א באדינגונגען עס זאל ניט זיין, און אין וואָס פאר אַ פארם עס זאָל ניט זיין, שטעהען, פארשטעהט זיך, די מיטגלידער פון אונזער אסאָציאציע אין די ערשטע רייהען. די היינטיגע געזעלשאַפט איז עס פון וואַנען דער אינטערנאַציאָנאל וואקסט ארויס. מען קען איהם ניט אויסראטען, אפילו מען זאל פאַרגיסען נאכאמאל אזוי פיל בלוט. אויב די רעגירונגען ווילען פארניכטען דעם אינטערנאציאנאל, טאָ זאָלען זיי קודם כל פארניכטען די צוואנג־הערשאַפט פונם קאפּיטאל איבער ארבעט — ד. ה. די באדינגונג פון זייער אייגענעם פאראזיטען־קיום.

פאריז פון ארבעטער מיט זיין קאמונע וועט לעולם זיין דער יום־טוב לזכר

דעם העלדישען טרעגער פון דער בשורה פון דער נייער געזעלשאפט. זיינע קדושים זיינען איינגעקריצט אין דעם גרויסען הארץ פונם ארבעטער־קלאס. זיינע פייניגער און רוצחים האט די געשיכטע שוין איצט אזוי צוגעשמידט צום שאנדסלופ, אז די אלע תפילות פון זייערע גלחים זיינען ניט ביכולת זיי אויסצולייזען.

דער גענעראל־ראט:

מ. ט. בון, פרעד. ברעדניק, ג. ה. באטרי, קייל, וויליאם היילס, קאלב, פרעד. לעסנער, ג. מילנער, טאמאס מאטערסהעד, טשארלז מארריי, פפענדער, ראאך, רייל, זאדלער, קאוועל סטייני, א. פ. טיילאר, וו. טאוונסהעד.

קארעספאנדירענדיגע סעקרעטארען:

אויזשען דיפאן, פאר פראנקרייך. — קארל מארקס פאר דייטשלאנד און האלאנד. — פרידריך ענגעלס, פאר בעלגיען און שפאניען. — הערמאן יונג, פאר שווייץ. — פ. גיאוואטשיני, פאר איטאליען. — צעווי מאריץ, פאר אונגארן. — אנטאן צאביצקי, פאר פוילען. — י. קאהען, פאר דענעמארק. — י. ג. עקאריאוס, פאר די פאראייניגטע שטאטען.

הערמאן יונג פארזיצער. — זשאן וועסטאן, קאסיר. — געארג האריי, פינאנץ־סעקרעטאר.— דזשאן היילס, גענעראל סעקרעטאר.

דעם 30. מאי 1871. 256, High Holborn, London, W. C.

צוגאבען.

I.

די אפטיילונג פון געפאנגענע האט זיך אפגעשטעלט אין דער אוהריך־אוועניו, דאָ האָט מען איהר צוטיילט אויף פיער אדער פינף חלקים און אויסגעשטעלט מיט'ן פנים צו דער גאס. דער גענעראל מארקי דע גאליפע מיט זיין שטאב איז אראפ פון פערד און האבען אנגעהויבען פונם לינקען פליגעל אנצוקוקען די ליניע. פאוואלע איז זיך געגאנגען דער גענעראל און האט באטראכט די שורות. דא און דאָרטען פלעגט ער זיך אפשטעלען אויף א רגע, אנריהרענדיק אַ מענש אויף זיין אקסעל, אדער ער פלעגט א ווינק טהאן, ווען דער מענש איז געשטאנען אין דער הינטערשטער שורה. די מענשען, וואס מען פלעגט אויסזוכען אויף אזא אופן פלעגט מען, אהן צערעמאניע, אויסשטעלען אין מיטען דער גאס, וואו עס פלעקט זיך שאפען א באזונדער אפטיילונג עס איז געווען קלאָר, אז דערביי האבען געקענט פארקומען די גרעסטע טעותים. אנ'אפיציר האָט אנגעוויזען דעם גענעראל אויף א מאן מיט א פרוי מחמת זייערען א פארברעך. די פרוי איז ארויסגעלאפען פון דער שורה, געפאלען אויף די קני, און מיט פאר־בראכענע הענד האט זי אנגעהויבען צו דערווייזען, אז זי איז ניט שולדיג. דער גענעראל איז געשטאנען א רגע און דערנאך האָט ער מיט אַ רוהיגען פנים געזאגט צו דער פרוי: „מאדאם, איך בין אויסגעגאנגען אלע טעאטערס אין פאריז, עס לוינט ניט צו שפילען אַ קאמעדיע (il ne vaut pas la peine de jouer la Comédie) . . . אין יענעם טאג איז געווען אַ צרה פאר איינעם, ווען ער איז געווען גרעסער, קוטיגער, רייגער, עלטער אָדער מיאוס'ער פאר זיינע שכנים. איך האב געזעהן איינעם א מענש, וועלכער איז גיך פטור געווארען פונם ערדישען עמק הבכא נאר צוליב זיין צושלאגענעם נאז . . . אזוי האט מען אויסגעזוכט העכער ווי הונדערט מענשען, מען האט זיי געלאזען שטעהן, צוגעפיהרט אנ'אפטיילונג פון סאָלדאטען אויף צו דערשיסען, און די איבעריגע האט מען געפיהרט ווייטער. אין א פאר מינוטען ארום האבען מיר דערהערט א שיסעריי וועלכע האט געדויערט — מיט קורצע הפסקות — איבער א פערטעל שעה. דאס האט מען דערשאָסען די אגולגע פאר'משפט'ע אומגליקליכע.

— פאריזער קארעספאנדענט, פון „דיילי ניוס" פונם 8. יוני. —

דער דאָזיגער גאליפע, „דער לואי פון זיין פרוי, וועלכער האט זיך געמאַכט א נאמען דערמיט, וואס ער פלעגט ארויסשטעלען איהר לייב אויף די שמחות פון דער צווייטער קיסר־מלוכה, איז אין דער מלחמה־צייט געווען באַקאנט אונטער דעם נאמען פונם פראנצויזישען פאהן־טרעגער פיסטאל.

„דער „טאן", א צייטונג, וואס יאגט זיך ניט נאך סענסאציעס, דערצעהלט א מאוים'דיגע מעשה פון מענשען, וואס מען האט ביים דערשיסען נאר פארוואונדעט,

און וועלכע מען האט באגראבען לעבעדיגערהייט. א פולע האט מען באגראבען אויף דעם פלאץ ביי סען זשאק־לאבושיער, איינינע האט מען נאר פון אויבען אויף באשאטען מיט ערד. ביי טאג פלעגט דער גאסען־טומעל פארהילכען אלץ, אבער ביי דער נאכט פלע:ען די איינוואהנער פון די הייזער, וואס ליגען אין יענער סביבה, אויפכאפען זיך פון שלאף דורך א ווייטען קרעכצען, און אויף מארגען פלעגט מען זעהן א צוזאמענגעדרוקטע פויסט ארויסטארטשען פון דער ערד. צוליב דעם האט מען ארויסגעגעבן א בעפעהל אויסצוגראבען די ב־־מינען׳ס . . . איך בין אויף א האהר ניט מסופק, אז א סך פארוואונדעטע האט מען לעבעדיגערהייד באגראבען. איין פאל קען איך דערווייזען. אז מען האט דעם 24. מאי אין א הויז אויף א הויף ביים וואנדאמפלאץ געשאסען ברינעל מיט זיין געליבטער, האט מען זיי ביידע געלאזט ליגען ביז דעם 27. נאך מיטאג. אז מען איז בסוף געקומען צונעהמען די בר־מינן׳ס, האט מען געפונען נאך די פרוי לעבעדיג און מען האט זי אוועקגעפיהרט אויף א פארבאנדאזשיר פונקט. הגם עס האבען איהר געטראפען פיער קוילען, געפינט זי זיך איצט ניט מעהר אין א סכנה". פאריזער קארעספאנדענט „עווענינג שטאנדאר" פונם 8. יוני.

II.

די לאנדאנער „טיימס" האט דעם 13. יוני אפגעדרוקט דעם פאלגענדיגען בריף:

„צום רעדאקטאר פון „טיימס" — מיין הער! דעם 6. יוני 1871 האט זשול פאוור זיך געווענדעט צו אלע אייראפעאישע מלוכות מ׳ט א צירקולאר מאכען א סוף צו דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־אסאציאציע. עס זיינען גענוג א פאר באמערקינגען, כדי צו דערווייזען וואס פאר א מין אויספאדערונג דאס איז.

„שוין אין דער הקדמה צו אונזערע שטאטוטען ווערט געזאגט, אז דער אינטערנאציאנאל איז געגרינדעט געווארען דעם 28. סעפטעמבער 1864 אויף אנ׳עפענטליכער פארזאמלונג אין סען מארטינ׳ס האל, לאנג אקר, לאנדאן". מחמת טעמים, וואס זיינען איהם אליין זעהר גוט באקאנט האט זשול פאוור פארוקט דעם דאטום פון דער גרינדונג פונ׳ם אינטערנאציאנאל אויף פריהע פון 1862.

„כדי אנצווייזען אויף אינזערע גרונדזאצען, ווייזט ער כלומר׳שט אן „א שריפט פון איהם (דעם אינטע־נאציאנאל) פון 25. מערץ 1869". און וואס ווייזט ער אן? א שריפט פון א חברה, וואס איז גאר ניט דער אינטערנאציאנאל. אזא קונץ האט ער שוין אמאל געמאכט, אז ער איז נאך געווען א יונגער אדוואקאט, בעת ער ער האט פארטיידיגט א פאריזער צייטונג „נאסיאנאל" געגען דער ביבול־באשולדיגונג פון קאבע׳ן. דעמאלט האט ער כלומרשט צ׳טירט קאבע׳ס פלוגשריפטען און אין דער אמת׳ן האט ער געלייענט זאצען, וועלכע ער אלי׳ן האט אריינגעשמעלט צווישען די שורות. די דאזיגע קונצענמאכעריי האט מען אויפגעדעקט בפרהסיא אין בית־דין און ווען קאבע וואלט ניט געווען אזא ווייכער, וואלט מען פאוור ארויסגעווארפען פון פאריזער אדוואקאטענשטאנד. פון אלע דאקומענטען, וועלכע ער גיט אן פאר דאקומענטען פונ׳ם אינטערנאציאנאל, איז נ׳טא אפילו איינער, וואס זאל געהערען דעם אינטערנאציאנאל. ער זאגט בזה הלשון: „די אליאנץ דערקלערט זיך פאר אטעאיסטיש, זאגט דער גענעראל־ראט, וואס איז קאנסט׳טוא׳רט אין לאנדאן אין יולי 1869". דער גענעראל־ראט האט קיינמאל ניט ארויסגעלאזען אזא דאקומענט. פארקעהרט, ער האט ארויסגעלאזען א דאקומענט,

וועלכער אנולירט די אָריגינאל־סאַטוטען פון דער „אַליאַנץ" — L' Alliance de la démocratie socialiste אין גענף, — וועלכע זשול פאוור האט ציטירט.

„אין זיין גאנצען צירקולאַר, וועלכער איז כלומרשט געשריבען אויך געגען דער קיסר־מלוכה, חזר'ט איבער פאוור געגען דעם אינטערנאציאנאל אַלע פּאָליציייסקע בבאָ־מעשיות פון די פּראָקוראָרען פון דער קיסר־מלוכה, פון וועלכע אפילו פאַר די בית־דין'ס פון דער זעלביגער קיסר־מלוכה האט זיך אויסגעלאָזען גאר נישט מיט מעהר נישט.

„עס איז ידוע אז דער גענעראל־ראט פון דעם אינטערנאציאנאל האָט אין זיינעביידע אַדרעסען (פון יולי און סעפּטעמבער 1870) וועגען דער דעמאָלדיגער מלחמה באשולדיגט די פּרייסען אין פארכאפּונגס־פּלענער געגען פראנקרייך. שפּעטער האט זיך דער ה' רייטלינגער, זשול פאוור'ס פּריוואט־סעקרעטאר, געווענדט, פארשטעהט זיך לחינם, צו אייניגע מיטגלידער פונ'ם גענעראַל־ראַט מיט דער בקשה, אז דער גענעראל־ראט זאל מאכען אנ אנטי־ביסמארקישע דעמאנסטראציע לטובת דער פּאַרטיידיגונגס־רעגירונג; דערביי האט מען געבעטען, מען זאל ניט דערמאנען מיט קיין איין וואָרט די רעפּובליק. מען האָט אנגעהויבען צו מאַכען החנות צו א מאַסען־דעמאָנסטרעציע — געווים מיט דעם בעסטען מיין — אויסנוצענדיג דערביי די געלעגענהייט וואס זשול פאוור האָט געדארפט קומען קיין לאָנדאן — אבער דאס איז געווען געגען דעם ווילען פון גענעראל־ראַט, וועלכער האָט אין זיין אַדרעס פונ'ם 9. סעפּטעמבער מתרה געווען די פּאַריזער אַרבעטער געגען זשול פאוור און זיינע חברים.

„וואס וואָלט געזאגט זשול פאוור, אז דער גענעראל־ראַט פון דעם אינטערנאציאנאל וואָלט פון זיין צד ארויסגעלאָזען א צירקולאַר צו אלע אייראָפּעאישע מלוכות, וואו זיי ווערען געבעטען שענקען זייער אויפמערקזאמקייט די דאָקומענטען, וואס זיינען פּובליקירט געווארען אין פּאריז דורך דעם פארשטאָרבענעם הערר מיליער?

איך בין אייער איבערגעגעבענער דינער,

דזשאן היילס,

סעקרעטאר פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער־אסאציאַציע.

256, High Holborn, W. C. London, 12. Juni 1871"

אין אנ'ארטיקעל וועגען „דער אינטערנאציאָנאלער אסאציאציע און איהרע צילען" ציטירט דער לאָנדאנער ספּעקטאטאר, דער פרומער מסור, צווישען אנדערע אזעלכע קונצען, אויך דעם אויבענדערמאנטען דאָקומענט פון דער „אליאנץ", אלס א שריפט פון דעם אינטערנאציאנאל. און דאס ווערט געמאכט מיט עלף טעג שפּעטער ווי מען האט פּובליקירט די אויבען־דערמאנטע אָפּלייקענונג אין דער „טיימס". אָבער מיר ווערען דערפון ניט נתפעל. פרידריך דער גרויסער פלעגט זאָגען אז די ערגסטע עזואיטען זיינען דאס די פּראָטעסטאנטישע.

באמערקטע דרוק־פעלער

זייט	שורה	געדרוקט	דאַרף זיין געדרוקט
III	22	אין 1847	1848
III	14 פון אונטען	אינוועניגסט	אינוועניגסטע
VII	11 „ „	צום פאַראַט	א פאַראַט
X	17	און	אין
XI	6 פון אונטען	פון דעם זיך	פון זיך
3	1	דעם 19. דעצעמבער איז	איז דעם 19. דעצעמבער
4	22	אונז אראפברענגען	אונז ניט אראפברענגען
15	5	פעררי	פאוור
55	17	מט	מיט

בית־דפוס ה. איטצקאווסקי, ברלין